STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02104

STRAYKS

S. Peskin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

STRIKES AND ITS BENEFITS TO THE WORKINGMEN

ISBN:0-657-02104-0
Old Call No.,97-453 v.

סטרייקס

און זייער ניצליכקייט
פיר דיא אַרבייטער

פון דר. ש. פעסקין.

ארויסגעגעבען פון דער
אינטערנאציאָנאלע ביבליאָטהעק פּאָבלישינג קאָ.
23 דואיין סטריט, ניו יארק.

פרייז 5 סענט.

Copyright, 1904

By The International Library Publishing Co.

סטרייקס

און זייער ניצליכקייט פיר דיא אַרבייטער.

JEWISH PUBLIC LIBRARY

דר. ש. פעסקין.

סטרייקס און זייער ניצליכקייט פיר דיא ארבייטער.

I.

וואָס איז א סטרייק. דער אונטערשייד צווישען סטרייקס און „לאָק־אויטס" אָדער אויסשפּערונגען. אַלגעמיינע סטרייקס און סימפּאַטיע־סטרייקס.

פון אלע מיטלען, וועלכע ארבייטער ווענדען אָן אין זייער קאמפּף געגען דיא בעלי בתים פיר בעסערע ארבייטס־צושטענדע, איז דער סטרייק בעקאנט אם מייסטען. ווער וויים הייגט ניט פון סטרייקס, און וואו הערט מען דערפון ניט? אין דיא פרייע לענדער, וויא אין דיא אונפרייע, אין אייראָפּא, וויא אין אמעריקא, אונטער דיא ווייסע מענשען וויא אונטער די שווארצע און געלע; אומעטום הערט מען פון סטרייקס. וואו עס זיינען נאָר פאראנען געדונגענע ארבייטער און בעלי בתים, דאָרטען קומען און מוזען פאָרקומען סטרייקס. עס איז זעלבסטפערשטענדליך, אז דאָ וואו מען ארבייט אין גרויסע פאבריקען, דאָרטען וואו דיא בעלי בתים זיינען גרויסע קאפּיטאליסטען, פאסירען סטרייקס אָפטער, וויא ווען דיא ארבייטער ארבייטען נאָך אויפ'ן אַלטמאָדישען שטייגער אין קליינע ווערקשטאטען און וואו דיא בעלי בתים זיינען נאָך קליינע בעלי מלאכות. אָבער אויך אונטער דיזע אומשטענדען קומען סטרייקס פאָר צימליך אָפט, נור אזוי וויא דיא סטרייקס זיינען דאָ פיעל קלענער, הערט מען פון זיי וויניגער.

אזוי וויא אויבערפלעכליך בעטראכט, ברייגגען סטרייקס זעהר פיעל שאדען אי פאר דיא ארבייטער, אי פאר דיא בעלי בתים און אויך פאר'ן פּובליקום בכלל, איז קיין וואונדער ניט, וואָס אין אלע

לענדער האלטען פיעלע אין איין קלערען וויא סטרייקס אויסצומיי־
דען, וויא צו געפינען א מיטעל, אז דיא בעלי בתים און דיא אר־
בייטער זאָלען אלע זייערע קריוודעס און סיכסוכים קענען אויס־
ראנגלען פרידליך, זאָ אז דיא ארבייט זאָל זיך ניט מיט א מאָל
אָבשטעלען. און ניט נור זייטיגע מענשען, נור אפילו יוניאָן־פיהרער,
וועלכע רופען אליין ארויס סטרייקס, האלטען אויך אין איין זוכען
מיטלען וויא אזוי אויסצוקומען אָהן סטרייקס, אָדער בעסער גע־
זאָגט, וויא אזוי אָהן סטרייקס אויסצוקעמפפען פאר דיא ארבייטער
בעסערע ארבייטס־צושטענדע. דער אונטערשייד אָבער פון דיא
זייטיגע מענשען און דיא פיהרער פון דיא יוניאָנס איז פאָלגענדער:
וועהרענד דיא זייטיגע מענשען מיט ווייכע רחמנות'דיגע הערצער
ווילען זיך איינריידען, אז מען קען טאקע איין מאָל פאר אלע מאָל
אָבשאפען סטרייקס, ווייסען דיא אינטעליגענטע יוניאָן־פיהרער,
אז דאָס איז אן אונמעגליכע זאך, אז כל זמן עס זיינען נעמליך דאָ
פרייע ארבייטער און בעלי בתים מוזען א מאָל, ווילענדיג, ניט ווי־
לענדיג, סטרייקס פאָרקומען. אז סטרייקס קענען אָפט פערמידען ווע־
רען, ווייסען די יוניאָן־פיהרער מעהר פון אנדערע, וואָרים ווער ווייס
דען אזוי גוט דיא אלע איינצעלהייטען, וואָס קומען פאָר איידער
דער סטרייק ברעכט אויס, וויא זיי? וויא נור עס קומט פאָר אין
א פאבריק אירגענד וועלכע ערנסטע אונצופרידענהייט פון דיא
ארבייטער געגען דיא בעלי בתים אָדער פערקעהרט, ערוועהלען דיא
ארבייטער אליין, אָדער ווען זיי זיינען אָרגאניזירט, ערוועהלט דיא
יוניאָן פאר זיי א קאָמיטע, וועלכע געהט באלד אוועק צום בעל
הבית אָדער צום מייסטער און זעהט וויא עס איז די זאך אויס־
צוגלייכען, און צופרידענצושטעלען דעם יעניגען צד, וועלכער
פיהלט זיך בעליידיגט אָדער פעראונרעכטעט. און אין פיעלע פעלע
געלינגט עס טאקע. ליידער זיינען ניטאָ קיין ציפערען, וואָס זאָ־
לען אונז קענען אָנווייזען וויא אָפט דאָס געלינגט און וואָס פיר א
גרויסע צאָהל סטרייקס עס ווערט אויף דיזען וועג אויסגעמידען.
ווען דאָס וואָלט יע געווען מעגליך, וואָלט מען ערשט דאן קענען זע־
הען, וואָס פאר א גרויסע פרידליכע ארבייט עס ווערט אויפגע־

טהאָן פון דיא יעניגע, וועלכע מען ווארפט אויף, אז זיי זיינען עס דיא הויפּט־שולדיגע, וואָס רופען ארויס אלע סטרייקס און אונ־רוהען.

אָבער טראָץ דיזע אַלע מיה, פון וועלכע מיר וועלען נאָך שפּע־טער מעהר ריידען, ווייסען דיא יוניאָן־פיהרער גוט, אז אין גאנצען אויסמיידען סטרייקס איז א זאך דער' אונמעגליכקייט. ווען איין צד אין א פאבריק, דיא ארבייטער אָדער דיא בעלי בתים, האלט זיך פאר אזוי בעליידיגט און זיין קריוודע פיר אזוי ערנסט, אָדער ענד־ליך ווען איין צד האלט זיך פיר אזוי שטארק, אז ער גלויבט, אז עס וועט איהם דורך אן אָפענעם קאמפּף געלינגען זיין פאָרדערונג דורכ־צופיהרען, דאן וועט דיזער זיכער אין אָפענעם קאמפּף ארויסגעהן ווי נור דער אנדערער צד וועט זיך שטארק איינאמפּערן דאגעגען. זאָ־לאנג דיא בעלי בתים און דיא ארבייטער זיינען פרייע מענשען, מוז א מאָל אלזאָ קומען צו סטרייקס, אָדער צו דאָס, וואָס איז דער היפּוך פון סטרייקס, מיר מיינען „לאָקאויטס“.

לאָמיר אָבער נעהנטער צוקומען צו אונזער טהעמא, און איידער מיר געהען ווייטער מוזען מיר פריהער פון אַלעס זיך אליין געבען צו פארשטעהן וואָס איז אייגענטליך א סטרייק, און מיט וואָס אונטערשיידעט ער זיך פון זיין היפּוך, וואָס איז בעקאנט אונטער דעם נאָמען „לאָקאויט“, אָדער אויסשפּערונג.

אונטער א סטרייק פארשטעהען מיר א פאל, ווען דיא ארביי־טער ווארפען אלע אוועק דיא ארבייט, ווייל דיא בעלי בתים ווילען ניט אָננעהמען אירגענד וועלכע זייערע פאָרדערונג, אָדער ווען זיי, דיא ארבייטער, ווילען ניט אָננעהמען אירגענד וועלכע פאָרדערונג פון דיא בעלי בתים. דערביי אָבער גיבען דיא ארבייטער ניט אויף זייער ארבייט אויף אימער. אדרבה, א סטרייק קען מען אָנרופען אזא פאל נור דאן, ווען דיא ארויסגעגאנגענע ארבייטער מיינען ניט אנדערש וויא זיך צוריקצוקעהרען אין פאבריק, וויא נור דער שטרייט־פונקט וועט פון דיא בעלי בתים נאָכגעגעבען ווערען; מען קען זאָגאר זאָגען, אז געוויסער מאסען גלויבען דיא סטרייקערס, אז זיי האָבען א רעכט צו ארבייטען אין דיזע פאבריק, און זיי בעטראכ־

טען דאריבער אלס א גרויסען אונרעכט, ווען אנדערע זאלען געהן פארנעמען זייערע פלעצער, זאגאר ווען די נייע ארבייטער זאלען קריגען אלע פאָרדערונגען, פאר וועלכע זיי האָבען געסטרייקט. דיזער איננערליכער גלויבען אין א רעכט צו ארבייטען אין דיא זעלבע פאבריק, וואו מען איז ארויס אין סטרייק און זאָגאר אויף בעדינגונגען ,וועלכע זיי, דיא ארבייטער, שטעלען ארויס, איז כאראקטעריסטיש פיר יעדען סטרייק, און אָהן דיזען גלויבען איז אייגענטליך דער סטרייק קיין סטרייק ניט. ווען עקאָנאָמיסטען ריידען אָבער פון סטרייקס, רעכענען זיי דיזען גלויבען ניט אריין אין זייער ערקלעהרונג וואָס איז א סטרייק, הגם עס ליגט זיך לייכט אויפ'ן שכל, אז ווען דיא ארבייטער וואָלטען גלאט אזוי ארויסגעהן אין סטרייק, נור ווייל זיי זיינען מיט וואָס עס איז אונצופרידען, וואָלטען זיי זיך גאנץ רוהיג פארנאנדערגעגאנגען זוכען ארבייט אנדערשוואו און וואָלטען ניט זוכען אלערליי מיטלען וויא צו הינדערן אנדערע ארבייטער צו פארנעהמען זייערע פלעצער. וויא ווייט דיזער גלויבען אין א רעכט צו ארבייטען אין דיא פאבריק, וועלכען דיא ארבייטער האָבען אליין פערלאָזען, איז א טהייל פון יעדען סטרייק, קען מען זעהען דערפון, וואָס אָפט ווערט זאָגאר בעטראכטעט פאר אן אונרעכט, ווען דער סטרייקער זאָל אוועקגעהן זוכען ארבייט אנדערסוואו אין דער צייט ווען מען סטרייקט נאָך.

אלס א היפוך פון א סטרייק ווערט, וויא מיר האָבען שוין בעמערקט, אנערקענט וואָס דיא דייטשען רופען אויסשפּערונג, און דיא ענגלענדער לאָקאויט.. ווען, זאָגט מען, דיא בעלי בתים שטעלען א געוויסע פאָרדערונג און דיא ארבייטער ווילען ניט נאָכגעבען, דאן פאסירט אָפט, אז דיא בעלי בתים שליסען אויס דיא ארבייטער פון דיא פאבריק ביז וואנען זיי זאָלען נאָכגעבען. דאָס רופט מען אָן אויסשפערונג אָדער לאקאויט. אין דער ווירקליכקייט איז אָבער גאנץ אָפט זעהר שווער צו אונטערשייד'ען צו א געוויסער פאל איז א סטרייק אָדער אן אויסשפערונג. ווען, זאָגען מיר, דיא בעלי בתים ערלויבען ניט דיא ארבייטער צו ארבייטען, סיידען זיי ווילען נאָכגעבען א געוויסע פאָרדערונג, דאן איז עס אן אויסשפערונג. וויא איז

אָבער, אז דיא בעלי בתים שטעלען טאקע א פאָרדערונג און דיא ארבייטער זאָגען, אז אונטער דיא נייע בעדינגונגען ווילען זיי ניט ארבייטען און ווארפען אליין אוועק דיא ארבייט ? דאָס איז איי־גענטליך דאָס זעלבע וואָס פריהער, פיר וואָס־זשע זאָל מען דיזען פאל אָנרופען סטרייק און דעם אנדערען אויסשפּערונג? פון אנדערען זייט, לאָמיר זאָגען, אז דיא ארבייטער שטעלען א געוויסע פאָרדע־רונג און דיא בעלי בתים ווילען ניט נאָכגעבען און זיי זאָגען צו דיא ארבייטער, אז אויב זיי בעשטעהען ניט אנדערס אויף זייער פאָרדערונג, מעגען זיי פערלאָזען די פאבריק. אזא פאל קען מען אויך אָנרופען, א סטרייק, ווייל דיא ארבייטער האָבען געשטעלט דיא פאָרדערונג, און אויסשפּערונג, ווייל דיא בעלי בתים האָבען גע־הייסען דיא ארבייטער פערלאָזען דיא ארבייט. גאנץ שארף אלזאָ אָבטהיילען א סטרייק פון אן אויסשפּערונג איז אונמעגליך, און דער בעסטער וועג איז דעריבער אין יעדען פאל צו זעהען פון וועמען עס קומט ארויס דיא הויפּט־פאָרדערונג. אויב פון דיא ארבייטער, דאן איז עס א סטרייק, און אויב פון דיא באָסעס, דאן איז עס אן אויסשפּערונג.

אויסער געוויינליכע סטרייקס זיינען נאָך פאראנען אלגעמיינע סטרייקס און סימפּאטהיע סטרייקס. אלגעמיינע סטרייקס קענען זיין פערשידענע. ערשטענס אזעלכע, וואו אלע אָנגעשטעלטע פון א געוויסע גרויסע פירמע געהן ארויס צוזאמען אין איין סטרייק; אן אלגעמיינער סטרייק אויף אן אייזענבאהן קען מען אלזאָ אין דיזען זין אָנרופען אזא פאל, ווען אלע ארבייטער פון דיא געוויסע אייזענבאהן, וויא דיא מאשיניסטען, קאָנדוקטאָרען, סיגנאליסטען, טעלעגראפיסטען און אלע אנדערע ארבייטער לייגען אוועק דיא אר־בייט .פון אנדערן זייט קען מען אָנרופען א סטרייק אלגעמיין, ווען דיא ארבייטער פון א געוויסען פאך איבערן גאנצען לאנד ביי פער־שיעדענע פירמעס לייגען צוזאמען אוועק דיא ארבייט. ווען צ. ב. אלע מאשיניסטען אין אלע פאבריקען פון לאנד געהען ארויס אין סטרייק, הייסט עס אן אלגעמיינער סטרייק, הגם דיא איבריגע אר־בייטער פון דיא זעלבע פאבריקען, וואו דיא מאשיניסטען סטרייקען,

בלייבען ארבייטען. א מאָל מיינט מען אויך, ווען מען רעדט וועגען אן אלגעמיינעם סטרייק אזא סטרייק, ווען אלע ארבייטער פון לאנד פון אלע מלאכות און אלע פירמעס געהען ארוים אין סטרייק. אזעלכע סטרייקס האָבען נאָך אָבער ניט פאסירט, און דיא וואָס ריידען דערפון, מיינען אויך דערמיט ניט אויסצופיהרען געוויינליכע טרייד־יוניאָניסטישע צוועקען, נור סאָציאלע ענדערונגען אין דער געזעלשאפט, און זיי האָבען דאריבער מיט אונזער ענין וועניג וואָס צו טהאָן. אן אלגעמיינער סטרייק איז גאנץ אָפט א סימפאטיע סטרייק. סימפאטיע סטרייק רופט מען אָן אזא סטרייק, ווען ארבייטער געהען ארוים סטרייקען געגען אזעלכע בעלי בתים, געגען וועלכע זיי אליין האָבען קיין קריוודעס ניט, נור אום דערמיט, ד. ה. מיט זייער ליידיג געהן, צו העלפען ארבייטער, וועלכע זיינען ארוים אין א געוויינליכען סטרייק געגען געוויסע פירמעס. שטעלט זיך פאָר, אז דיא קוילען־גרעבבער זיינען ארוים אין א געוויינליכען סטרייק, ווייל זיי האָבען געוויסע קריוודעס געגען דיא קוילען־גרובען־בעזיצער. עס איז אָבער מעגליך, אז דיא גרובען־אייגענטהימער זאָלען קענען קריגען גענוג אנדערע קוילען־גרעבבער, וועלכע זאָלען פארנעהמען דיא פלעצער פון דיא סטרייקער. דיא בעלי בתים וואָלט אלזאָ דאן געלינגען צו גראָבען קוילען און דיא קוילען־גרעבער וואָלטען זייער קאמפף פערלירען. דאָ אָבער קענען אנדערע ארבייטער קומען דיא קוילען־גרעבבער צו הילפע.. דיא אייזענבאהן־ארבייטער קענען זיך צ. ב. ענטזאגען צו ארבייטען אויף דיא צוגען, וועלכע פיהרען דיא קוילען פון דיא יעניגע גרובען, וואו עס געהט אָן א סטרייק. אויף דעם זעלבען אופן קענען זיך דיא שיף און האַפען־ארבייטער ענטזאגען צו ארבייטען ביי דיא האפענס און דיא שיפען, וועלכע געברויכען דיזע געסטרייקטע קוילען. דיא אלע טראנספאָרט־ארבייטער וואָלטען אויף אזא אופן ארוים אין סטרייק ניט ווייל זיי האָבען עפעס אייגענע קריוודעס געגען זייערע בעלי בתים, נור אום דערמיט, מיט זייער סטרייק, צו העלפען דעם קאמפף פון דיא קוילען־גרעבבער. ווען אלע מאשיניסטען האָבען געוויסע פאָדערונגען דירעקט צו אלע בעלי־בתים, וועלכע בעשעפ־

טיגען מאשיניסטען, און אום דיזע פאָרדערונגען דורכצופיהרען געהען זיי ארויס אין סטרייק, דאן איז עס אן אלגעמיינער סטרייק. ווען אָבער נור איין טהייל מאשיניסטען האָט געוויסע קריוודעס, און אלע אנדערע מאשינסיטען פערלאָזען זייערע בעלי בתים, אום דערמיט צו העלפען דיא ערשטע סטרייקערס, דאן איז עס א סימ־פאטיע סטרייק.. וואָס מען בעצוועקט און וואָס מען עררייכט מיט סימפאטיע סטרייקס, וועלען מיר שפּעטער זעהען דייטליכער. פאָרלויפיג ווילען מיר נור בעמערקען, אז כמעט ביי יעדען גרויסען אלגעמיינעם סטרייק געהט א טהייל ארבייטער ארויס אויס סימ־פאטיע צו זייערע מיטברידער, און דעריבער איז כמעט יעדער גרויסער אלגעמיינער סטרייק ביז א געוויסען גראד א סימפאטיע־סטרייק.

II.

אלגעמיינע בעמערקונגען איבער דיא נוצליכקייט פון סטרייקס. איז דיא צייט וואָס דיא ארבייטער סטרייקען פיר זיי ווירקליך פערלאָרען? אונטער וועלכע אומשטענדען קומט עס יא פאָר. זיינען דיא פערלאָרענע שכירות ווירקליך פערלאָרען. דיא מאָראלע ווירקונג פון סטרייקס. דיא גוטע מאָראַלע ווירקונג פון געוואונענע און פון פערלאָרענע סטרייקס.

אז סטרייקס וועלען אלע מאָל עקזיסטירען, כל זמן עס עקזי־סטירען אויף דער וועלט פרייע בעלי בתים און פרייע ארבייטער, האָבען מיר שוין אָנגעדייטעט. דיא וויכטיגע פראגע איז אָבער אויף וויא ווייט איז א סטרייק א וויכטיגער און וויגאָדנער קאמפּפס־מיטעל פיר דיא יוניאָנס און אויף וויא ווייט דיא געווינסען זיינען העכער וויא דאָס וואָס מען מוז נאטירליכערווייזע ביי יעדען סטרייק פערלירען. דיא ווירקונג פון א סטרייק לאָזט זיך מעסטען אויף צווייערליי אופנים. ערשטענס קען מען מעסטען דיא פינאנציעלע ווירקונג, און צווייטענס דיא מאָראלע ווירקונג וואָס יעדער סטרייק

האָט אויף דיא ארבייטער. דיא פינאנציעלע ווירקונג לאָזט זיך אויסדריקען אין ציפערן. מען קען פון איין זייט אויסרעכענען וויפיעל צייט און וויפיעל שכירות דיא ארבייטער פערלירען דורך סטרייקס און פון אנדערן זייט וויפיעל זיי געווינען פון דיזע סטרייקס אין ארבייטס־צייט און שכירות. מען קען אויך מעסטען וואָס פיר א פּראָצענט פון אלע סטרייקס דיא ארבייטער געווינען, און וועלכע סטרייקס מען געווינט אם מייסטען. אונטען וועלען מיר ריידען וועגען דיזע סטאטיסטישע זייט פון דיזע פראגע, פּאָר־לויפיג אייניגע אלגעמיינע בעמערקונגען. עס זיינען נאטירליך פּא־ראנען פערשידענע מיינונגען וועגען סטרייקס. עס זיינען פּארא־נען אזעלכע, וועלכע בעהויפּטען, אז יעדער סטרייק איז א געוואונע־נער, אנדערע ווידער האלטען יעדען סטרייק פיר פערלאָרען.ביידע אזעלכע אנזיכטען זיינען איבערטריבען, און עס הייננט אָפּ אָן דיא אומשטענדען פון יעדען סטרייק אויף וויא ווייט ער איז פערלאָרען אָדער געוואונען. פריהער פון אלעם ווייסען מיר, אז ביי יעדען סטרייק לייגען דיא ארבייטער אוועק אויף וואָכען לאנג דיא אר־בייט, און זיי פערליערען אלזאָ זעהר פיעל געלד אין שכירות. איז עס אָבער א ריינער פערלוסט? אין יעדען פאך איז דאָ א סעזאָן, ווען עס איז דאָ פיעל ארבייט, און א סעזאָן פון „סלעק", ד. ה. ווען ארבייט איז דאָ זעהר ווייניג אָדער כמעט גאָר ניט. נו, קען טאקע לייכט זיין, אז דיא עטליכע וואָכען פון ארבייטסרוה, וואָס קומט פאָר צוליעב דיא סטרייקס, זאָל אין אמת'ן גאָר אראָבגעצויגען ווערן פון דעם סעזאָן, ווען עס איז קיין ארבייט יעדענפאלס ניטאָ. ווען דיא ארבייטער וואָלטען אלזאָ גאָר ניט סטרייקען, וואָלטען זיי דיא עטליכע וואָכען יעדענפאלס מוזען ארומגעהן אָהן ארבייט, נור אין אנדער צייט פון יאָהר. אויסער דעם דארפען מיר ניט פערגעסען, אז פיעלע פאבריקען ארבייטען אויף אָרדערס (זאקאזען, בעשטעלונ־גען) דיזע אָרדערס מוזען געמאכט ווערען, און ווען דיא ארבייטער ארבייטען ניט עטליכע וואָכען צוליעב דעם סטרייק, קומט אָן א היילענעם נאכהער. דיא ארבייט, וואָס מען האָט ניט דערמאכט אין דער פערלויף פון סטרייק, מוז געמאכט ווערען, און גלייך נאָך דעם

סטרייק האָבען דיא ארבייטער אזוי פיעל צו טהאָן, אז זיי פערדיענען אין א קורצע צייט אלעס, וואָס זיי האָבען פערלאָרען אין פערלויף פון סטרייק.

פון אנדערן זייט דארף מען אָבער אויך ניט פערגעסען פאָלגענדע פּונקטען. ניט פון יעדען ארטיקעל מוז מען פערצעהרען א בעשטימטע, פעסטגעזעצטע קוואנטיטעט (מאָס, צאָהל). פיעל זאכען האָבען זייער סעזאָן, און אויף מאנכע זאכען איז דער סעזאָן זעהר קורץ; אויסער דעם קען מען ביז א געוויסען גראד פארבייטען איין ארטיקעל מיט דעם אנדערן. קוילען דארף מען האָבען צו הייצען דיא הייזער נור אין ווינטער, און ווען קוילען איז טהייער, געברויכט מען טאקע וועניגער קוילען, און מען הייצט ניט אזוי פיעל וויא ווען קוילען איז ביליג. אויסער דעם קען מען דאן געברויכען אנדערע זאכען צו הייצען, וויא צ. ב. האָלץ און גאז, אָדער ווייכע קוילען אָנשטאט הארטע קוילען, און פערקעהרט. ווען מען זאָל אלזאָ צוליעב א סטרייק אויפהערען צו גראָבען קוילען גראָד פאר דיא ווינטער־מאָנאטען, דאן איז קיין פראגע ניט, אז מען וועט פערצעהרען וועניגער קוילען, און דיא קוילען־גרעבער וועלען ניט דארפען אויסגראָבען גאָר דיא קוילען, וועלכע זיי וואָלטען געגראָבען, ווען עס וואָלט קיין סטרייק ניט געוועזען. דאָס זעלבע וועט אויך פאסירען, ווען עס זאָל אויסברעכען א סטרייק אין געוויסע מאָדע־זאכען, דער סעזאָן וועט פאָראיבערגעהן, דיא מאָדע־זאכען וועט מען ניט מעהר דארפען, און דיא צייט, וואָס דיא ארבייטער האָבען אלזאָ איין מאָל פערלאָרען, וועלען זיי שוין מעהר ניט קענען צוריק קריגען. נאטירליך אין פיעלע פעלע וועלען אנדערע ארבייטער געווינען דאָס, וואָס דיא סטרייקערס האָבען פערלאָרען. ווען דיא גרעבער פון הארטע קוילען סטרייקען, האָבען דיא גרעבער פון ווייכע קוילען מעהר ארבייט, און ווען דיא ארבייטער פון איין לאנד סטרייקען, קריגען דיא ארבייטער פון אן אנדער לאנד דיא אָרדערס. מיר ריידען אָבער נור פון שטאנדפּונקט פון דיא סטרייקערס אליין, און פיר זיי איז א מאָל א סטרייק וואָס אנבעלאנגט ד י א צ י י ט, א ריינער פערלוסט אין גאנצען אָדער טהיילווייזע.

דאָס איז אָבער אַלעס נור וואָס אָנבעלאַנגט דיא צייט; צו דיא שכירות, וועלכע דיא ארבייטער האָבען פיר דער צייט ניט פערדיענט זיינען אויך א ריינער פערלוסט, דאָס הייסט שוין אויסער דיא אויסגערעכענטע אומשטענדען אויך אָב אָן דעם צו דיא ארבייטער האָבען אין גאנצען אָדער טהיילווייז דעם סטרייק געוואונען אָדער פערלאָרען. דיא סטאטיסטיק זאָגט אונז נור, אז דיא ארבייטער האָבען צוליעב דעם ליידיג-געהן אין סטרייק פערלאָרען אזוי פיעל טעג ארבייט און אזוי פיעל שכירות. אויף וויא וויית אָבער מען האָט דיא פערלאָרענע צייט גוט געמאכט נאכהער, לאָזט זיך ניט אזוי לייכט סטאטיסטיש אונטערזוכען. נאָך וויינינגער קען מען אויסרעכענען, צו דיא פארלאָרענע שכירות זיינען א ריינער פער־לוסט. שטעלט זיך פאָר, אז אן ארבייטער, וועלכער פערדיענט רע־געלמעסיג 12 דאָלאר א וואָך, סטרייקט אָב פיער וואָכען און גע־ווינט נאכהער נור איין דאָלאר דיא וואָך. ער האָט פערלאָרען 48 דאָלאר, דיזע סומע קריגט ער צוריק פיר דיא זעלביגע ארבייט וויא פריהער אין פערלויף פון דעם נעכסטען יאָהר, און דיא העכערע שכירות אין פערלויף פון דיא וויטערע יאָהרען זיינען שוין פיר איהם א ריינער געווינס. צוריק ארונטעררייסען דאָס וואָס מען האָט פון איהם געוואונען, איז דעם בעל הבית שוין שווער, מען קען, אדרבה גיכער גלויבען אז אין פערלויף פון א יאָהר וועט דער ארבייטער קריגען נאָך א דאָלאר א וואָך העכער. דאָס איז נאָר גערעדט פון שכירות. סטרייקס קומען אָבער פאָר ניט נור צוליעב שכירות. ווער קען אָבשאצען וויא פיעל עס איז ווערטה א שטונדע וויינינגער ארבייט, אלזאָ א שטונדע מעהר פרייע צייט פיר זיך און דיא פאמיליע, און מעהר געלעגענהייט אנטהייל צו נעהמען אין סאָציאלען לעבען? ווער קען אָבשאצען וויא פיעל עס איז פיר דעם ארבייטער ווערטה צו געווינען בעסערע מענשליכערע בעהאנד־לונג אין פאבריק? ווער קען אָבשאצען דעם גרויסען אונטערשיעד פון ארבייטען פון איין זייט אין א פאבריק וואו דיא יוניאָן איז ניט אנערקענט, און פון אנדערן זייט אין א פאבריק וואו דיא יוניאָן איז יא אנערקענט, וואו דער ארבייטער ווערט אלזאָ בעפרייט פון אליין

אונטערהאנדלען דירעקט מיט דיא בעלי בתים, אָדער דיא מייס־טערס, און וואו ער וויים אז א פערטרעטער פון דיא יוניאָן האָט אימערצו דאס רעכט אריינצוקומען אין פאבריק און זיך אָננעהמען פיר זיין קריוודע.

דאָ קומען מיר שוין צו דיא מאָראלע ווירקונג פון סטרייקס, וועלכע איז אָפט מאָל פיעל וויכטיגער פיר דיא ארבייטער וויא דיא פינאנציעלע רעזולטאטען. וועגען א געוואונענעם אָדער האלב־געוואונענעם סטרייק איז דאָך ניטאָ וואָס צו ריידען. ער גיט אריין אין דיא ארבייטער אזוי פיעל פרישע מוטה, אזוי פיעל קאמפפס־לוסטיגקייט, אזוי פיעל צוטרוי אין זיך און אין דיא יוניאָן, אז דיא יוניאָן ווערט פיעל שטארקער וויא פריהער, דיא ארבייטער ווערען פעהיגער צו קעמפפען פיר ווייטערע פערבעסערונגען פון זייער לאגע, און דער געפיהל פון צופרידענהייט און פריידע מיט דעם זיעג מאכט דעם ארבייטער פיעל לייכטער איבערצוטראָגען דיא אלע גרויסע אונמעגליכקייטען, וועלכען יעדען ארבייטער קומט אוים איבערצוטראָגען, אפילו אין דיא בעסערע פאבריקען און אונטער דיא בעסטע אומשטענדען.

א פערלאָרענער סטרייק האָט נאטירליך גאנץ אָפט דיא געגענ־געזעצטע ווירקונג. עס פערקלענערט דעם צוטרוי צו זיך און צו דיא יוניאָן און שוואכט אין גאנצען אָב דיא יוניאָן אויף א מעהר אָדער ווייניגער לענגערע צייט. אויב עס איז פריהער געוועזן אונ־אנגענעהם צו ארבייטען אין פאבריק, ווערט עס יעצט איינפאך אונערטרעגליך. צו דערזעלבער צייט דארף מען אָבער ניט פער־געסען אנדערע צוויי פאקטען : יעדע זאך פאָרדערט אמאָל א דורכ־לופטערונג, יעדע ארמיי פאָרדערט אמאָל מאניעוורעס. אָהן סטרייקס ווערען יוניאָנס אָפט איינגעשלאָפען. ווען אלעס געהט רוהיג פערליערען דיא מיטגליעדער דורך דיא רוהיגקייט אליין זייער אינטערעסע אין דיא יוניאָן, זיי וויסען שוין פאָראוים וואָס עס וועט פאָרקומען ביי דיא וועכענטליכע פערזאמלונגען און זיי הערען אין גאנצען אויף צו קומען. א סטרייק פרישט עס אלעס אָב. עס ווערט לעבעדיג און פרעהליך. דער איינגעשלאָפענער גע־

פיהל פון אחדות און טרייהייט צו דיא איבריגע ארבייטער וועקט זיך מעכטיג אויף, דיא ארבייטער דערפיהלען אז זיי האבען א געגנער און א שונא און דאס מאכט זיי אלעמען מעהר פעראייניגט. דיזע אבפרישונג פון יוניאנס דורך סטרייקס קען קיינער ניט אב־לייקענען, און עס איז זאגאר געווארען א מנהג ביי דיא אידישע יוניאנס, אז ווען מען וויל אויפבויען א יוניאן מוז מען ארויסרופען א סטרייק. מען דארף אונז ניט מיספערשטעהן. מיר מיינען ניט אז סטרייקס קענען זיין א מיטעל אויפצובויען א יוניאן, דאס זיכער ניט. מען קען אבער ניט אבלייקענען דיא וויכטיגקייט פון דיא אבפרישונג פון ענטהוזיאזמוס, וואס א סטרייק ברייגנט אריין אין דיא רייהען פון דיא ארבייטער, און דיזע ווירקונג האט אפילו א פערלארענער סטרייק. פון אנדערן זייט האט א פערלארענער סטרייק א גוטע ווירקונג אין דעם הינזיכט, וואס ער ברייגנט אריין אין דיא יוניאן א קריטישען גייסט. יעדע יוניאן דארף פון צייט צו צייט ענדערן איהר טאקטיק און אנווענדען נייע מעטהאדען. פילע סטרייקס ווערען ארויסגערופען ניט אין דיא ריכטיגע צייט, און ניט ביי דיא ריכטיגע געלעגענהייט, און דאס קומט דערפון, וואס דיא יוניאן האט צופיעל צוטרוי צו זיך און איבערשעצט איהרע אייגענע קרעפטע. א פערלארענער סטרייק עפענט אלעמען דיא אויגען און מען הויבט זיך אן צו גריבלען אין דיא אורזאכען פאר וואס דער סטרייק איז פערלארען געווארען און ניט איין יוניאן האט אנגענומען בעסערע קאמפפסמעטהאדען, נאר ווייל מען האט פערלארען א בעדייטענדען סטרייק.

צולעצט קען מען אויך ניט ארונטערמאכען מיט'ן האנד דאס וואס דיא מעגליכקייט ארויסצוגעהן אין סטרייק איז פאר דעם ארבייטער דיא לעצטע האפנונג און טרייסט, פון וועלכע ער קען זיך פיר קיין פאל ניט ענטזאגען. אט וויא קליין דיא אויסזיכטען זאלען ניט זיין, וועלכע דער ארבייטער האט מיט'ן קאמפף, ווי שוואך עס זאל ניט זיין דיא האפנונג דעם סטרייק צו געווינען, ליעגט דאך פיר איהם א גרויסער טרייסט אין דעם געדאנקען, אז נאך אלעמען, נאכדעם וויא אלע איבריגע מיטלען צו צווינגען דעם בעל־הבית

עטוואָס נאכצוגעבען וועט ניט העלפען, בלייבט ביי איהם דאָך נאָך דיא מעגליכקייט צו סטרייקען פון וואָס דער בעל הבית וועט וויינינגסטענס האָבען א גרויסען פינאנציעלען היזק.

III

וואָס זאָגט דיא סטאטיסטיק איבער סטרייקס. אין אלגעמיין פערלירט דיא אַרבייטער־קלאַסע אין גאַנצען צוליעב סטרייקס זעהר ווייניג צייט. דיא פערשיעדענע אינדוסטריען. דיא אידישע שניידער־ארבייטער. ביי וועלכע ארבייטער קומען פאָר סטרייקס אָפטער, ביי דיא וואָס האָבען שטאַרקע יוניאָנס אָדער ביי דיא, וואָס זיינען שוואַך אָרגאַניזירט?

יעצט ווערען מיר אין קורצען איבערגעהן צו דיא סטאטיסטישע אונטערזוכונגען איבער סטרייקס. דיא אמעריקאנער רעגיערונג און דיא ענגלישע גיבען שוין פון לאנג ארוים אָפיציעלע בעריכטען איבער סטרייקס. אלע איבעריגע רעגירונגען האָבען עס אויך אָנגעהויבען צו טהאָן, און אויף דיזען וועג האָבען זיך אָנגעקליבען מאסען ציפפערן, וועלכע גיבען גענויע אויסקינפטע איבער אלע פראגען, וועלכע זיינען פערבונדען מיט סטרייקס. פערגלייכען אָבער דיא ציפפערן פון איין לאנד מיט דיא איבריגע איז ניט גאנץ לייכט, וויל ניט יעדע לאנד קלייבט איהרע ציפפערן אויף דעמזעלבען וועג. דיא אמעריקאנער רעגיערונג רעדט צ. ב. בעזונדער פון סטרייקס און בעזונדער פון לאקאָוטס (אויסשפּערונגען). דיא ענגלישע רעגירונגס־סטאטיסטיקער גלויבען אז מען קען ניט שארף אונטערשיידען א סטרייק פון א'ן אויסשפּערונג און דעריבער רעדט זיך אין דיא ענגלישע רעפּאָרטס פון ביידע צוזאמען אונטער דעם נאָמען פון ארבייטס־דיספּוטען. ווען מען האָט אבער דיזע אלע אונטערשיעדען אין אויג קען מען דאָך פיר אלגעמיינע שליסע פערגלייכען דיא ציפפערן פון פערשידענע לענדער און קומען צו בעשטימטע רעזולטאטען. אין פערלויף פון דיא צוואנציג יאָהר, צווישען 1881

און 1900 זיינען אין דיא פעראייניגטע שטאאטען פאַרגעקומען איבער 22 טויזענד סטרייקס און איבער 6 מילליאָן ארבייטער האָבען דירעקט אָדער אינדירעקט פערלאָרען צוליעב סטרייקס זייער אר־ בייט; צוליעב אויסשפּערונגען האָבען פיר דיזעלבע צייט נור 504.307 ארבייטער פערלאָרען זייער בעשעפטיגונג. ארבייטער וואָס ארבייטען אין דיא פאבריקען, ביי דיא גרובען און ביים טראנספּאָרט, ד. ה. אזעלכע ארבייטער, ביי וועמען עס קענען פּאָר־ קומען און קומען טאקי פּאָר סטרייקס זייגען אין גאנצען אין דיא פעראייניגטע שטאאטען פאראנען ביז 10 מיליאָן. ווען מען זאָל דיא צאָהל ארבייטער, וועלכע האָבען פערלאָרען זייער בעשעפטי־ גונג צוליעב סטרייקס, צוטהיילען אויף דיא צאָהל יאָהרען, וועט אויסקומען, אז דורכשניטליך האָבען צוליב סטרייקס יעדען יאָהר 305.285 ארבייטער פערלאָרען זייער ארבייט. ווען מען זאָל נאָך דערצו צולעגען דיא צאָהל ארבייטער, וועלכע האָבען פערלאָרען זייער בעשעפטיגונג דורך אויסשפּערונגען, וועט אויסקומען אז אויף יעדע 1000 ארבייטער האָבען צוליעב דיזע אורזאכען דורכשניטליך יעדען יאָהר עטוואָס מעהר וויא 33 פערלאָרען זייער בעשעפטיגונג אויף אירגענד וועלכע קירצערע אדער לענגערע צייט. אין ענגלאנד איז דער דורכשניט עפּעס מעהר וויא 27, אין פראנקרייך אונ־ געפעהר 18, אין דייטשלאנד 11 און אין איטאליען 13. אין אמערי־ קא אלזאָ סטרייקען דיא ארבייטער מעהר וויא אין אלע איבריגע לענדער פון אייראָפּא. דיא צאָהל פּערזאָנען וועלכע בעטהייליגען זיך אין סטרייקס איז פיר דיא לעצטע עטליכע יאָהר אין ענגלאנד בעדייטענד קלענער געוואָרען וויא פריהער. דיא צאָהל 33 בעדײ־ טעט ,אז 33 ארבייטער פון יעדע טויזענד פערלאָזען אירגענד ווען אין פערלויף פון יאָהר זייער ארבייט צוליעב סטרייקס אָדער אויס־ שפּערונגען. דיא סטאטיסטישע רעפּאָרטען האָבען זיך אבער אויך בעמיהט אויסצוגעפינען וויא פיעל עס דויערט דורכשניטליך יעדער סטרייק אָדער אויסשפּערונג, אום אויסצוגעפינען וויפיעל ארבייטס־ טעג עס געהן צוליעב דעם פערלאָרען. פיר אמעריקא האָט מען אויס־ גערעכענט אז דורכשניטליך דויערט א סטרייק ביי 23 טעג. ווען

מען זאָל אָננעהמען אז א'ן ארבייטער ארבייט דורכשניטליך 300 טעג אין יאָהר, וועט אויסקומען, אז דורך סטרייקס ווערט יעהרליך פערלאָרען דיא גאנצע יעהרליכע ארבייט פון 24.219 ארבייטער. ווען מען זאָל דיזע צאָהל פערנאנדערשפּרייטען אויף אלע ארביי־טער (אונגעפעהר 10 מיליאָן) פון לאנד, וועט אויסקומען אז יעדער ארבייטער פערליערט צוליעב סטרייקס אָדער אויסשפּערונגען 1 טאָג פון 380; פיר ענגלאנד איז דער דורכשניט העכער, דאָרטען פערליערט יעדער סטרייקער דורכשניטליך 35 טעג. אבער יעדענ־פאלס זעהען מיר, אז דיא גאנצע ארבייטער־קלאסע פערליערט צו־ליעב סטרייקס גאנץ וויניג צייט און עס איז דעריבער גרייליך מעגליך, אז אין אלגעמיין ווערט קיין צייט גאָר ניט פערלאָרען, ווייל, וויא מיר האָבען בעמערקט, ווערען דיא טעג פון סטרייק אראָבגעצויגען פון דיא טעג, ווען דער ארבייטער וואָלט יעדענ־פאלס מוזען געהען ליידיג אוים ארבייטסלאָזיגקייט. מען קען אלזאָ אָננעהמען, אז מיט זייערע סטרייקס טהוען דיא ארבייטער נור פאָלגענדעס: אנשטאט צו ווארטען און פערלירען דיא ארבייט ווען עס איז קיין ארבייט איבערהויפּט ניטאָ, ווארפען זיי בעסער אוועג דיא ארבייט, ווען פיר זיי איז גינסטיגער, און ווען דורך דיזען ליידיגגעהען אין ריכטיגען מאָמענט קענען זיי ביי דעם בעלי־בית פועל'ן אייניגע פערבעסערונגען פון זייער לאגע.

עס פערשטעהט זיך, אז דערפון וואָס אלע ארבייטער צוזאמען פערליערען זעהר וויניג צייט דורך סטרייקס, איז נאָך ניט גערדרונ־גען אז יעדע אינדוסטריע בעזונדער פערליערט וויניג צייט. מעהר פון אלעמען פערלירען דיא קוילען־גרעבער. אמעריקאנער סטאַ־טיסטיק צייגט אז פון 1000 קוילען־גרעבער פערלירען יעדען יאָהר דורכשניטליך 297 ארבייטער זייער ארבייט דורך סטרייקס, וועה־רענד פון 1000 דרוקעריי־ארבייטער פערלירען נאָר 15*) אינטערע־סאנט איז דער פאל מיט דיא אידישע שניידער־ארבייטער, וועלכע

---

*) עס איז אינטערעסאַנט, אז נאָך דיא מיינונג פון דיא אָפיציעלע אָמעריקאַנער סטאַטיסטיקער פערליערען אפילו דיא קוילען־גרעבער

מאכען פערטיגע קליידער, זיי האבען אלגעמיינע סטרייקס אזוי אפט, אז מען קען מיינען, אז זיי פערלירען טאקע א היבשע ביסעל צייט. דאס אבער דוכט זיך נור אזוי. אין אמת'ן פערלירען זיי כמעט גאר קיין צייט ניט. די פערטיגע קליידער ווערן אויפגעאר־בייט אם מייסטען אין צוויי גאנץ קורצע סעזאנען אין יאהר. ווען דער סעזאן ענדיגט זיך, איז ארבייט דא גאנץ ווייניג. סטרייקס קו־מען אם מייסטען פאר ביים אנפאנג פון סעזאן, און זיי בעשטעהן אייגענטליך אין דעם, וואס דאן ארראנזשירען די ארבייטער מיט די בעלי־בתים די בעדינגונגען פון דער ארבייט. אויב דער סטרייק ציהט זיך אריין א וואך אדער צוויי אין סעזאן גופא, דאן דויערט דער סעזאן א פאר וואכען לענגער, און עס איז דעריבער גרייליך מעגליך, אז פון אלע ארבייטער פערלירען צוליב סטרייקס די אידישע ארבייטער ווייניגער פון אלעמען צייט.

א פראגע וועלכע איז אינטערעסאנט פיר אונזער ענין איז וואס זאגט די סטאטיסטיק וועגען דעם וואו קומען די סטרייקס פאר אפטער, אין די אינדוסטריען וואו די יוניאנס זיינען שטארק, אדער דא וואו זיי זיינען שוואך. ליידער איז אבער די פראגע צו פערפלאנטערט צו קענען אויף איהר לייכט ענטפערן מיט ציפפערן. עס פערשטעהט זיך, אז דא וואו עס איז קיין יוניאן גאר ניטא, קומען קיין סטרייקס ניט אזוי פאר, וויא דארטען, וואו עס זיינען יוניאנס יא דא, ווארום וואו עס זיינען דא יוניאנס, שטעלט מען פארדערונגען און וואו מען שטעלט פארדערונגען מוז קומען צו סטרייקס; די פראגע איז אלזא נאר צווישען די שטארקע יוניאנס

ווייניגער צייט דורך סטרייקס, ווארום ווען מען פערגלייכט די יאהרען ווען עס זיינען געווען גרויסע סטרייקס מיט די יאהרען ווען עס זיינען קיין סטרייקס ניט געווען, וועט מען אויסגעפינען, אז די צאהל טעג, וואס די קוילען־גרעבער האבען געארבייט אין פערלויף פון יאהר איז כמעט דיזעלבע אין ביידע רייהען פון יאהרען. דאס הייסט אלזא נאך אמאל, אז די צייט פון סטרייקס ווערט נאר אבגעצויגען פון די טעג ווען מען וואלט סיי וויא סיי קיין ארבייט ניט געהאט.

און דיא שוואכע. דיא אמעריקאנער סטאטיסטיק האָט אויס־
געקליבען 9 אינדוסטריען וואו דיא ארבייטער זיינען שטארק אָר־
גאניזירט און 9 וואו דיא יוניאָנס זיינען ביז 1900 געווען שוואך.
אונטער דיא שטארק־אָרגאניזירטע ארבייטער ווערען אריינגערע־
כענט דיא גלאָז־ארבייטער, טאבאק־ארבייטער, שיפען־בויער, אייי־
זענבאהן־ארבייטער, דרוקער, א. ז. וו. אז זייערע יוניאָנס זיינען
שטארק זעהט מען דערפון וואָס זיי האָבען גרויסע קאסעס, קאָנ־
טראָלירען פיעלע פאבריקען, עקזיסטירען שוין ציעמליך לאנג, האָ־
בען ערפאהרענע פיהרער, און אויך דערפון, וואס זעהר א גרויסער
פראָצענט פון זייערע סטרייקס ווערען ארויסגערופען פון דיא
אָרגאניזאציאָנען. (דאָס הייסט נאטירליך ניט, אז די אָרגאניזאציאָ־
נען רופען ארויס אָפט סטרייקס, עס הייסט נור, אז דיא יוניאָן קאָנ־
טראָלירט אלע סטרייקס און ניט דיא ארבייטער פון דיא סטריי־
קענדע פלעצער אליין). אונטער דיא שוואכע יוניאָנס האָט מען
ביז 1900 גערעכנט אריינרעכענען דיא קוילען־גרעבערס־יוניאָן, דיא
שוה־ארבייטערס יוניאָן, דיא וועבער, א. ז. וו. נו, ווייזט זיך ארויס
אז 76 פראָצענט פון אלע סטרייקס אין דיא שטארק־אָרגאניזירטע
אינדוסטריען ווערען ארויסגערופען פון דיא יוניאָנס, וועהרענד אין
דיא שוואך־אָרגאניזירטע אינדוסטריעס, רופען דיא יוניאָנס ארויס
ווייניגער וויא א העלפט פון אלע סטרייקס. פון 1000 ארבייטער
אין דיא שטארק־אָרגאניזירטע אינדוסטריען סטרייקען דורכשניט־
ליך 62 ארבייטער יעדען יאָהר, וועהרענד פון דיא אנדערע גרופע
סטרייקען 82. דאָס אלזאָ ווייזט, אז וואו דיא יוניאָנס זיינען
שטארק סטרייקט מען ווייניגער. ווען מען געהט אבער אביסעל
גוט אונטערזוכען יעדע אינדוסטריע בעזונדער, פערליערען דיא
ציפפערן א גרויסען טהייל פון זייער ווערדע; דער רעפּאָרט פון
דיא אמעריקאנער „אינדאָסטריאל קאָממישיאָן“ פון וואנען מיר
נעהמען ארויס דיזע ציפפערן פערגלייכט דאריבער דיא ארבייטער פון
נור צוויי אינדוסטריען, דיא בוי־ארבייטער, וועלכע האָבען א שטארקע
יוניאָן און, דיא קוילען־גרעבער, וועלכע האָבען אין פערלויף פון
1881 ביז 1900 קיין שטארקע יוניאָן ניט געהאט.ביידע אינ־

דוסטריען זיינען עהנליך אין דעם וואָס זיי האָבען סעזאָנען ווען מען ארבייט פיעל, און סעזאָנען ווען עס איז גאָר ניטאָ וואָס צו טהאָן. און דיא ציפפערן ווייזען, אז וועהרענד אויף 1000 בוי־ארבייטער סטרייקען יעהרליך נור 30 פערזאָן, סטרייקען אויף 1000 קוילען גרעבער 297. אמת טאקע, אז גלאט אזוי פערגלייכען דיזע ציפפערן לאָזט זיך אויך ניט, ווארום דיא קוילען־אינדוסטריע איז זעהר איבערפילט מיט ארבייטער, וועלכע מען האָט צונויפגעשלעפט פון אלע עקען וועלט, און דערצו נאָך האָט מען יאָהרען־לאנג גע־האלטען אָפען פיעלע קוילען־גרובען, און געגראָבען קוילען נור אום צו ספּעקולירען. עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט וואָס אין דיא קוילען אינדוסטריע קומען אָפט פאָר סטרייקס׳ וועלכע וואָלטען אונ־טער אנדערע אומשטענדען ניט פאָרגעקומען. דער אונטערשיעד אָבער צווישען דיא ציפפערן 30 און 297 איז אזוי אונגעהויער גרויס, אז עס איז קיין צווייפעל ניט אז דיא איינציגע ערקלערונג איז דיא, וואָס דיא בוי־ארבייטער האָבען א שטארקע יוניאָן, און דיא קוילען־גרעבער האָבען ביז 1900 קיין שטארקע יוניאָן ניט געהאט.

IV.

וואָס זאָגען דיא ציפערען וועגען דיא אורזאכען פון סטרייקס. פיר וואָס סטרייקען אָפטער דיא ארבייטער, וועלכע זיינען שטארק אָרגאַ־ניזירט, און פיר וואָס, דיא וואָס האָבען שוואכע יוניאָנס? וועלכע אויסזיכטען קענען דיא ארבייטער האָבען, ווען זיי סטרייקען געגען א „טראָסט". וואָס פיר אַ פּראָצענט סטרייקס ווערט געוואונען. וועלכע סטרייקס האָבען דיא בעסטע אויסזיכטען. אין וועלכע לענדער זיעגען דיא ארבייטער אם מייסטען.

דיא אורזאכע פאר וואָס מען געהט ארויס אין סטרייק איז אויך זעהר וויכטיג און דיא סטאטיסטיק גיט אונז וועגען דעם גאנץ אינטערעסאנטע ציפפערן. עס ווייזט זיך ארויס אז אין פערלויף פון 1881 ביז 1900 איז אין אמעריקא ביי 91 פּראָצענט פון אלע

סטרייקס דיא אורזאכע געוועז דיא פֿאָרדערונג פון מעהר שכירות און ביי 7 פּראָצענט דאָס וויינערן זיך געגען שניידען פון שכירות. אונגעפעהר א העלפט פון אלע סטרייקס, 48 פּראָצענט, זיינען אלזאָ ארויסגערופען געוואָרען צוליעב שכירות. 26 פּראָצענט האָבען אלס אורזאכע געהאט דיא פֿאָרדערונג פון קירצערע שטונדען, אָדער פון העכערע שכירות פיר איבער־צייט. דאָס איז אייגענטליך דאָס־זעלבע, ווייל ווען מען פֿאָרדערט פיר א שטונדע איבער־צייט מעהר בעצאָהלט וויא פאר א שטונדע רעגעלע צייט, בעוועגט מען דעם בעלי־בית וואָס וויניגער צו האָבען איבער־צייט. 6 פּראָצענט סטרייקס קומען פאָר פיר דיא אנערקענונג פון דיא יוניאָן, און דיא אורזאכע פון דריי פּראָצענט איז דיא סימפּאטהיע מיט אנדערע ארבייטער וועלכע זיינען אין סטרייק.

פיר אונזער ענין איז אויך וויא פריהער אינטערעסאנט צו וויסען פיר וואָס סטרייקען דיא ארבייטער וועלכע האָבען שטארקע יוניאָנס און פיר וואָס סטרייקען דיא ארבייטער פון דיא שוואכע יוניאָנס. צו דיזען צוועק פערגלייכט דיא סטאטיסטיק דיא סטרייקס פון דיא בוי־ארבייטער, גלאָז־ארבייטער, דרוקער, שטיין־האקער און שני־צער — (דאָס זיינען דיא ארבייטער מיט דיא שטארקע יוניאָנס) פון איין זייט מיט דיא סטרייקס פון דיא קוילען־גרעבער, קליידער־ארבייטער, שוה־ארבייטער און דיא שפּינער און וועבער, וועלכע שטעלען פאָר דיא ארבייטער מיט דיא שוואכע יוניאָנס, פון אנדערען זייט. עס ווייזט זיך ארויס אז דיא שטארקע יוניאָנס האָבען עטוואָס וויניגער סטרייקס געהאט צוליעב דיא פֿאָרדערונג פון העכערע שכירות, וויא דיא שוואכע יוניאָנס. ביי דיא ערשטע האָבען נעמליך אזעלכע סטרייקס בעטראָפען א׳ן ערך פון 21 פּראָ־צענט ביז 48, ווערענד ביי דיא לעצטע פון 32 ביז 52 פּראָצענט. דערפאר אָבער געפינט איהר ביי דיא שטארקע יוניאָנס פיעל וויניגער סטרייקס געגען שניידען פון שכירות, וויא ביי דיא שוואכע יוניאָנס. דיא בוי־ארבייטער, צ. ב., האָבען געהאט נור 4 פּראָצענט פון אזעלכע סטרייקס און דיא דרוקער 5, ווערענד דיא קוילען־גרעבער האָבען אין 25 פּראָצענט פון זייערע סטרייקס און

דיא שפּינער און וועבער אין 24 פּראָצענט געקעמפּפט געגען דיא רעדוצירונג פון שכירות. ביי דיא פיער שטארקע יוניאָנס צוזאמען האָט מען נאָר אין איין סטרייק פון 20 געקעמפּפט געגען דיא שניידונג פון שכירות, וועהרענד אין דיא אינדוסטריען מיט דיא שוואכע יוניאָנס פּאסירט אזא סטרייק כמעט איינער אין פיער.

פון אנדערן זייט איז אינטערעסאנט אז אין דיא פיער ערשטע אינדוסטריען מיט דיא שטארקע יוניאָנס קומט פּאָר איין סטרייק אין פינף פיר קירצערע שטונדען, וועהרענד אין דיא שוואכע יוניאָנס קומען אזעלכע סטרייקס פּאָר פיעל זעלטענער. נאָר דיא קליידער־ארבייטער האָבען 13 פּראָצענט אזעלכע סטרייקס. דיא שוה־ארבייטער האָבען קוים איין זעקסטעל פּראָצענט. אנדערע סטרייקס וויא, צ. ב., סטרייקס אויס סימפּאטהיע אָדער צוליעב דיא אנערקענונג פון דיא יוניאָן, קומען ביי דיא שטארקערע יוני־יאָנס זעלבסטפערשטענדליך פּאָר פיעל אָפטער וויא ביי דיא שוואכע. דיא ציפערען פון דיא סטרייקס וועגען שכירות און אר־בייטס־צייט ריידען אָבער גענוג צו גונסטען פון דיא יוניאָנס. זיי זאָגען אונז, אז שטארקע יוניאָנס קעמפּפען איבערהויפּט ניט אזוי אָפט פאר שכירות וויא דיא שוואכע יוניאָנס, ווייל זיי קריגען עס אָהן סטרייקס. שניידען דיא שכירות ווידער ערלויבען זיך דיא בעלי בתים אין אלגעמיין ניט דאָרטען וואו דיא יוניאָן איז שטארק, און דעריבער דארפען זיי וועגען דעם אויך ניט סטרייקען. דערפאר אָבער קעמפּפען דיא שטארקע יוניאָנס פאר דיא אלגעמיינע מא־טעריעלע און גייסטיגע לאגע פון דיא ארבייטער, און קיין בעסערען בעוויז דאפיר קען ניט געבען וויא דיא אָפטע סטרייקס פיר קיר־צערע שטונדען.

אין ענגלאנד פּאסירען פיעל מעהר סטרייקס וועגען שכירות וויא אין אמעריקא און פיעל וויינינגער, אין גאנצען נעמליך 3 און א האלב פּראָצענט וועגען ארבייטס־צייט. אזוי וויא אין אלגעמיין זיינען דיא יוניאָנס דאָרטען שטארקער וויא אין אמעריקא, וואָלט זיך דוכטען, אז דאָרטען דארף מען וויינינגער וויא דאָ סטרייקען וועגען שכירות און מעהר פיר שטונדען. דיזען ווידערשפּרוך ער־

קלערט דער „רעפּאָרט אָף דיא אינדאָסטריעל קאָממישען“ אויף'ן פאָלגענדען אַרט: דיא ענגלישע ארבייטער האָבען שוין אין פיעלע מלאכות יעצט געקראָגען אזא ארבייטס־צייט, מיט וועלכע זיי זיינען צופריעדען, דאריבער סטרייקען זיי וויינינגער פיר ארבייטס־צייט, און דאָס הויבט דעם פּראָצענט פון דיא סטרייקס פיר שכירות.

דער לעצטער פּונקט, אויף וועלכען דיא סטאַטיסטיק גיט זעהר בעלעהרענדע אויסקינפטע, איז דיא פראַגע אויף וויא ווייט סטרייקס זיינען א גוטער קאמפּפס־מיטעל פיר דיא ארבייטער, אָדער בעסער געזאָגט, וואָס פיר א פּראָצענט סטרייקס עס ווערט געוואונען און וואָס פאר א פּראָצענט עס געהט פערלאָרען. עס פערשטעהט זיך, אז דאָס הייננט אָפּ אָן פיעלע פערשיעדענע אומ־שטענדען. דיא מייסטען סטרייקס קומען פאָר, ווען דיא צייט איז זעהר גוט און ארבייט איז דאָ פיעל. דאן סטרייקען דיא ארבייטער פיר בעסערע ארבייטס־בעדינגונגען. פיעלע סטרייקס קומען אויך פאָר, ווען דיא צייט ווערט שלעכט און עס ווערט וויינינגער אר־בייט. דאן ווילען דיא בעלי בתים ארונטעררייסען דיא שכירות און דיא ארבייטער ווילען עס ניט צולאָזען און עס קומט צו סטרייקס. פיר דעם יאָהר 1899, ווען דיא צייט איז געווען גוט, ווייזט דיא אמעריקאנער סטאַטיסטיק, אז נור 12 פּראָצענט סטרייקס זיינען פערלאָרען געגאנגען. אָבער אויך דיזע פראַגע קען מען ניט אזוי לייכט ענטשיידען און דיא ציפערען ווייזען, אז אויך אין שלעכטע יאָהרען איז דער פּראָצענט פון געוואונענע סטרייקס אָפט צימליך הויך, און א מאָל פערקעהרט.

וואָס אנבעלאנגט וועלכע סטרייקס האָבען א בעסערען אויס־זיכט געוואונען צו ווערען, צו דיא וועלכע קומען פאָר אין קלענערע פאבריקען, אָדער דיא וואָס פאסירען אין דיא גרויסע פאבריקען, בע־ווייזט דיא סטאַטיסטיק, דאָס וואָס עס לייגט זיך אויף'ן שכל, אז אין קלענערע פאבריקען קען מען סטרייקס גיכער געווינען, וויא אין דיא גרעסערע. עס איז זעלבסטפערשטענדליך, אז א קליינער בעל הבית קען ניט אזוי לאַנג אויסהאַלטען א סטרייק וויא א רייכער קאפּיטאַליסט, און ער מוז דעריבער גיכער נאָכגעבען. בעזונ־

דער אינטערעסאנט איז דיא פראגע אויף וויא וייט דיא ארבייטער
קענען זיעגען אין סטרייקס געגען דיא גאנץ גרויסע קאָמפּאַניעס,
וועלכע מען רופט אָן טראָסטס. קיין סטאטיסטישע ציפערן זיינען
נאָך איבער דיזע פראגע ניטאָ, מען קען אָבער דאָך אָנדייטען אויף
איינינע פונקטען, וועלכע זיינען וויכטיג דיזע פראגע צו ענטשיי־
דען. ווען עס זאָל אבהענגען נור אָן דיא פראגע, ווער קען לייננער
אויסהאלטען דעם קאמפף, איז זעלבסטפערשטענדליך, אז א קאָמ־
פּאניע, וועלכע פיהרט א געשעפט פון הונדערטער מיליאָנען קען
אויסהאלטען א קאמפף צימליך לאנג, פיעל לייננער וויא דיא
שטארקסטע יוניאָן. פון אנדערן זייט פערליערט אָבער אזא קאָמ־
פּאניע אויך זעהר פיעל פון יעדען סטרייק. פריהער פון אלעם
זעהען מיר, אז ווען ביי אזא קאָמפּאניע ברעכט אויס א סטרייק,
ווערט ער אם מייסטען זעהר גיך אן אלגעמיינער סטרייק, ווייל
אזא קאָמפּאניע האָט צעהנדליגע פאבריקען. ווען עס האָט צ. ב.
אויסגעבראָכען א סטרייק ביי דעם שטאָהל און אייזען טראָסט, איז
ער באלד געוואָרען אן אלגעמיינער סטרייק. דיזער טראָסט האָט
פיעלע פאבריקען, און ווען דיא יוניאָן וואָלט ארויסגערופען א
סטרייק נור אין איין פאבריק, וואָלט דיא קאָמפּאניע גלייך גע־
שיקט גאָר דיא ארבייט פון דיזע פאבריק אין דיא אנדערע. דערי־
בער איז דיא יוניאָן געצוואונגען געווען ארויסצורופען א סטרייק
אין אלע פאבריקען פון דיזע קאָמפּאניע, אפילו אין דיא, וואו עס
ווערט ניט געמאכט דיא זעלבע ארבייט, וויא דאָ וואו דער סטרייק
האָט זיך אָנגעפאנגען. אן אלגעמיינער סטרייק איז שוין אָבער א
גרויסער פערלוסט אפילו פאר א טראָסט. דיא צווייטע שוואכע
זייט פון דיא גרויסע קאָמפּאניעס איז פאָלגענדע: א גרויסע קאָמ־
פּאניע פון הונדערטער מיליאָנען קאפּיטאל, איז נאטירליך אן
אקציען געזעלשאפט, און אקציעס ווערען יעדען טאָג געקויפט
און פערקויפט אויף דער בערזע. נו, איז עס זעלבסטפערשטענדליך,
אז וויא נור עס ברעכט אויס א סטרייק ביי אזא קאָמפּאניע, הויבט
מען אָן דיא אקציעס גערן צו פערקויפען, און זעהר אונגערן צו
קויפען. דיא אקציעס פאלען אין פּרייז, און אויף דיזען וועג פערלי־

רען דיא פריהערדיגע אייגענטהימער פון דיא אקציעס מיליאָנען יעדען טאָג. דאָס אייגענטהום פון א געוויינליכען פאבריקאנט איז, זיין פערזענליכע אייגענטהום, און דעריבער קען מען אויך ריכטיג אָבשאצען וויא פיעל דיזע אייגענטהום איז ווערטה. דאָס אייגענטום פון א מיליאָנערסקע קאָמפאניע איז אָבער א קהל'שע זאך, און זיא שטעהט אלע טאָג אין מארק. דעם ריכטיגען ווערט פון די אייגענטום וויים מען ניט. די אקציעס פאלען און שטייגען צוליב אלערליי קלייניגקייטען, סלוכען און ערוואַרטונגען. דער אייגענטהימער פון דיא אקציעס אינטערעסירט זיך ניט מיט דיא אייגענטהום גופא. ער אינטערעסירט זיך ניט מיט דעם וויפיעל דיא פאבריקען, געביידעס, וואארע און דערגלייכען זיינען טאקי ווערט אין דער אמת'ן. זיין אייגענטהום זיינען דיא אקציעס, און ווען היינט פאלען זיי אין קורס, איז עס פיר איהם טאקע א ריינער פערלוסט, און ווען עס געהן אויף דיזען וועג טעגליך פערלאָרען מיליאָנען, איז קיין וואונדער ניט, אז עס יאוועט זיך ביי דיא אקציאָנערען א פערלאנג וויא עס איז דיא שטרייטיגקייט וואָס גיכער צו שליכטען.

דאָס איז נאָך אָבער אלעס ניט אזוי וויכטיג וויא אן אנדער פונקט. דיא געשעפטען פון דיא גרויסע קאָמפאניעס און טראָסטס זיינען אזוי ריעזען גרויס און בעריהרען אויף אזוי טיעף דיא טעגליכע לעבענס-אינטערעסען פון פאָלק, אז זיי ווערן שוין איבעראל פון אלעמען ביז א געוויסען גראד בעטראכט פאר קהל'שע געשעפטען, און מען קען ניט זאגען׳ אז דאָס פאָלק פיהלט היינט צו פיעל סימפאטהיע צו דיא מיליאָנערן, וואָס שטעהען אויף דער שפיצע פון דיזע געשעפטען. אין דיא פרייע לענדער, וואו דאָס פאָלק האָט מיטלען זיינע געפיהלען און ווינשע אויסצודריקען, רופט כמעט אימער ארוים אזא אלגעמיינער סטרייק אין א מיליאָנערסקע פירמע א גרויסען רושם אין גאנצען לאנד. דיא סימפאטהיע איז אם מייסטען אויף דיא זייט פון דיא ארבייטער, וויא מיר האָבען עס געזעהען אין דעם לעצטען גרויסען קוילען גרעבער סטרייק, טראָץ דעם וואָס אלע האָבען צוליעב דעם סטרייק בעדארפט צאָהלען פיר זייערע קוילען צוויי מאָל אזוי פיעל וויא פאר דעם סטרייק;

דיא גרויסע קאָמפּאַניעס האָבען אָבער זעהר מורא פאר דעם האס פון פאָלק. זייער גאנצע עקזיסטענץ העננט אָפּט אָפּ אָן געוויסע געזעצע, און אָן דעם וויא דיזע געזעצע ווערן אויסגעטייטשט און דורכגעפיהרט, און דיא רעגיערונג האָט אימער־צו א היבשע ביסעל מיטלען, וויא אָנצומאכען זיי אלערליי שוויריגקייטען און פּלאָנטערס. דיא רעגיערונג ווידער האָט אויך מורא צו פערלירען דיא סימפּאטיע פון פאָלק, וויל דאָס פאָלק דאַרף איהר ערוועהלען, און דעריבער מישט זיא זיך אויך אריין, ווילענדיג ניט ווילענדיג צו גונסטען פון דיא ארבייטער. דאָס אלעס צווינגט דיא קאָמפּאַניעס צו ווערן נאָכגיביג. עס פערשטעהט זיך אָבער, אז דאָס קען געשעהען נור אין פרייע לענדער, און וואָס פרייער דאָס לאנד איז, וואָס מעהר דיא רעגירונג האָט רעספּעקט פאר דיא ארבייטער אלץ מעהר קענען די ארבייטער אויף דיזען וועג אויספיהרען. יעדענפאלס זעהען מיר אָבער, אז דיא הילפע קומט דאָ פון דיא פּאָליטיק און דיא יוניאָנס נוצען נור אויס דיא פּאָליטישע לאגע פון פאָלק, אום צו מאכען דעם סטרייק ערפאָלגרייך. אין א לאנד אָבער וואו דיזע מיטלען פעהלען, וואָלטען דיא אויסזיכטען פון אזעלכע סטרייקס געווען פיעל וויינינער גינסטיג פיר דיא ארבייטער.

יעצט ווענדען מיר איבערגעהן צו דיא ציפערן גופא. דיא אמעריקאנער סטאטיסטיק צעהלט פריהער פון אלעם ניט דיא צאָהל סטרייקערס, נור דיא צאָהל ווערקשטאטען אָדער פאבריקען (עסטאבלישמענטס) וואו מען האָט אין פערלויף פון דיא צוואנציג יאָהר צווישען 1881 און 1900 געוואונען און פערלאָרען סטרייקס, און דער רעזולטאט איז פאָלגענדער: אין 51 פּראָצענט האָט מען פאָלקאָמען געוואונען דיא סטרייקס, אין 13 פּראָצ. טהיילווייזע און אין 36 פּראָצ. זיינען דיא סטרייקס פיר דיא ארבייטער פערלאָרען געגאנגען. א טהיילווייזע געוואונענעם סטרייק קען מען אייגענטליך רעכנען פיר א געוואונענעם סטרייק, וויל דיא ארבייטער האָבען דאָך וואָס געוואונען דורך דעם סטרייק, אגב איז אויך מעגליך, אז ארויסגעהענדיג אין סטרייק, שטעלען דיא ארבייטער בכיון ארויס צו הויכע פאָדערונגען און האָפען אין אמת'ן צו געווינען נור א

טהייל דערפון. ווען מען זאָל אלזאָ צורעכענען דיא טהיילווייזע גע־וואונענע סטרייקס צו דיא פאָלקאָמען געוואונענע, וועט אויסקומען, אז אין גאנצען האָט מען געוואונען ביי 64 פראָצ. פון דיא סטרייקס, אָדער ריכטיגער געזאָגט, אז אין 64 פראָצ. פון דיא פאבריקען (עסטאבלישמענטס), וואו מען האָט געסטרייקט, האָט מען דיא סטרייקס געוואונען. ווען מען זאָל איבערצעהלען ניט דיא פאברי־קען, נור דיא צאָהל סטרייקערס וועלכע האָבען געוואונען אָדער פער־לאָרען, וועט דער רעזולטאט אויסקומען ניט אזוי גינסטיג. עס ווייזט זיך נעמליך דאן ארויס, אז אין פערלויף פון דיא 20 יאָהר האָבען 35 פראָצ. פון דיא ארבייטער, וואָס האָבען אוועקגעלייגט דיא ארבייט דורך סטרייקס, די סטרייקס אין גאנצען געוואונען, 17 פראָצ. טהיילווייזע געוואונען און 48 פראָצ. פערלאָרען; ווען מען זאָל צונויפלייגען דיא 35 מיט דיא 17 צוזאמען, וועט אויסקו־מען,אז נור 52 פראָצ. פון דיא סטרייקער האָבען זייערע סטרייקס גע־וואונען און ניט 64, וויא דער ערשטער חשבון האָט בעוויזען. די־זער אונטערשיעד שטאמט נאטירליך דערפון, וואָס ניט יעדע פאבריק איז גלייך, ווערענד מען ציילט דיא סטרייקס נאָך דיא פאבריקען נאָך, רעכענט מען פיר איינס א פאבריק מיט 1000 אר־בייטער און א פאבריקעל מיט 10. דער אונטערשייד בעווייזט אָבער, וואָס מיר האָבען פריהער בעמערקט, אז סטרייקס אין קלע־נערע פאבריקען, ווערן לייכטער געוואונען וויא אין דיא גרעסערע.

דער פערבאנד פון דיא אמעריקאנער יוניאָנס, נעמליך דיא אמעריקאן פעדערײשען אָף לייבאָר, האָט פון 1897 אליין אָנגעהוי־בען צו פיהרען סטאטיסטיק איבער דיא סטרייקס, וועלכע זיינען ארויסגערופען געוואָרען פון דיא יוניאָנס, וועלכע בעלאנגען צום פערבאנד. דיזע סטאטיסטיק ווייזט פיעל גינסטיגערע רעזולטא־טען פיר דיא ארבייטער וויא דיא רעגיערונגס־סטאטיסטיק. אין פערלויף פון דיא פיער יאָהר צווישען 1897 און 1900 האָט דיזער פערבאנד געציילט 1625 סטרייקס. פון זיי האָט מען 1229 אין גאנצען געוואונען, 173 טהיילווייזע געוואונען און 223 פערלאָרען. ווען מען זאָל צונויפלייגען דיא פאָלקאָמען געוואונענע מיט דיא

טהיילווייזע געוואונענע סטרייקס, וועט אויסקומען, אז זיבען אכ־
טעל פון אלע סטרייקס האבען דיא ארבייטער געוואונען. פיר דיא
לעצטע עטליכע יאהר ווייזט אויך דיא אפיציעלע סטאטיסטיק
מעהר געוואונענע סטרייקס וויא פריהער, אבער ווייט ניט אזוי
פיעל וויא דיא סטאטיסטיק פון דיא אמעריקאן פעדערײשען אף
לייבאר. נו, פרעגט זיך, פון וואנען קומט דיזער אונטערשיעד?
ערשטענס איז עס מעגליך, אז דיא אמעריקאנער רעגירונגס־סטא־
טיסטיק קוקט צו שארף אויף יעדען סטרייק, און דעריבער רעכענט
זיא מאנכע סטרייקס פיר פערלארענע, וועלכע זיינען אין אמת'ן
געוואונענע. נאך וואהרשיינליך איז, אז דיא יוניאנס, וועלכע שי־
קען דיא ציפערן צום פערבאנד, איבערטרייבען אליין אין אנדערן
זייט און געפינען אירגענד וועלכען געווינס אפילו אין א פערלארע־
נעם סטרייק. דיא צווייטע אורזאכע איז, וואס דיא אמעריקאן פע־
דערײשען אף לייבאר קריגט פרישערע רעפארטס פון סטרייקס וויא
דיא רעגיערונגס־סטאטיסטיקער, און רעכענט אריין אין סטרייקס,
אפילו אזעלכע שטרייטיגקייטען, וועלכע דויערן נור איין טאג.
דיא הויפט־אורזאכע איז אבער דיא, וואס דיא רעגיערונגס־סטא־
טיסטיק נעהמט אויף אלע סטרייקס, ווערענד דיא פעדרײשען אף
לייבאר בעריכטעט נור פון סטרייקס, וועלכע איהרע יוניאנס רופען
ארויס. און דא קומען מיר טאקע צום וויכטיגען פונקט, נעמליך,
וואס פיר א ווירקונג א יוניאן האט אויף דעם רעזולטאט פון
סטרייקס. דער אונטערשייד צווישען דיא ציפערען פון פערבאנד
און פון דיא אפיציעלע סטאטיסטיק אליין ווייזט שוין, אז סטרייקס,
וועלכע ווערן געפיהרט פון יוניאנס זיינען מעהר ערפאלגרייך, וויא
סטרייקס, וועלכע זיינען געפיהרט אהן א יוניאן. דאס ווייזט אבער
אויך דיא אפיציעלע סטאטיסטיק אליין. מען האט נעמליך איינ־
געטהיילט דיא סטרייקס אין אזעלכע, וועלכע דיא יוניאן רופט
ארויס, און אזעלכע, וועלכע דיא ארבייטער האבען אליין ארויסגע־
רופען פיליכט ווייל עס איז קיין יוניאן איבערהויפט ניטא, אדער
ווייל זיי האבען דיא יוניאן וועגען דעם סטרייק ניט אנגעפרעגט.
ליידער גיט אונז דיא סטאטיסטיק דערביי ווידער נור דיא צאהל

פאבריקען, וואו מען האט געסטרייקט, און ניט דיא צאהל סטרייר־קערס. דער רעזולטאט איז אבער העכסט אינטערעסאנט. עס ווייזט זיך נעמליך ארויס, אז ווען דיא יוניאן האט ארויסגערופען דיא סטרייקס, האבען דיא ארבייטער אין גאנצען אדער טהיילווייזע געזיעגט אין 66 פראצ פון אלע פאבריקען. דארטען אבער, וואו דיא יוניאן האט ניט געפיהרט דיא סטרייקס, איז געווען א זיעג אין נור 44 פראצ. פון אלע פאבריקען. און דעם זעלבען אונטערשיעד זעהען מיר אין יעדע אינדוסטריע בעזונדער. אין דרוקערייען זעהען מיר צ. ב. 52 פראצ. פון זיעגען, ווען דיא יוניאן רופט ארויס דיא סטרייקס, און 32, ווען דיא יוניאן קאנטראלירט ניט דיא סטרייקס. אין קליידער פאבריקאציאן איז אין ערשטען פאל דער פראצענט 82, אין צווייטען פאל 60. אין טראנספארט זיינען דיא ציפערן 65 און 42.

נאך מעהר זעהט זיך דאס זעלבע ארויס ווען מען פערגלייכט דיא סטרייקס, וועלכע דיא יוניאן רופט ארויס פון איין זייט אין דיא 9 אינדוסטריען, וויא מיר האבען שוין פריהער געזעהען, זיינען פאראנען שטארקע יוניאנס, מיט דיא 9 אינדוסטריען, וואו דיא יוניאנס זיינען שוואך, פון אנדערן זייט. דער רעזולטאט איז פאלגענדער: אין דיא ערשטע 9 אינדוסטריען האבען דיא ארבייטער געזיעגט אין 61 פראצ. פון דיא פאבריקען, וואו מען האט געסטרייקט, וועהרענד אין דיא 9 איבעריגע אינדוסטריען האט מען פאלקאמען און טהיילווייזע געזיעגט אין נור 46 פראצ. פון פאבריקען. קיין בעסערן בעוויז, אז א יוניאן העלפט דיא ארבייטער צו זיעגען אין סטרייקס, קען גאר ניט געבען.

וואס אנבעלאנגט וועלכע סטרייקס זיינען מעהר ער־פאלגרייך און וועלכע וויינינגער, זאגט דיא אמעריקאנער סטאטיסטיק, אז סטרייקס פיר העכערע שכירות ווייזען כמעט דעם זעלבען פראצ. פון ערפאלג וויא סטרייקס אין אלגעמיין. סטרייקס געגען שניידונג פון שכירות זיינען פיעל וויינינגער ערפאלגרייך. אין איבער 46 פראצ. פון פאבריקען האבען ביי דיזע פעלע דיא ארבייטער געהאט א נידערלאגע. מעהר ערפאלגרייך וויא דיא סטרייקס פיר שכירות

זיינען דיא סטרייקס פיר ־קירצערע ארבייטס־צייט און איבערהויפּט פיר אלע פראגען, וועלכע זיינען פערבונדען מיט ארבייטס־צייט. וויניגער ערפאָלגרייך פון אלע זיינען דיא סימפּאטהיע סטרייקס, וועלכע זיינען געווען אין גאנצען און טהיילווייזע ערפאָלגרייך נור אין 24 פּראָצ. פון דיא פאבריקען וואו מען האָט געסטרייקט.

ווען מען פערגלייכט דיא ציפערן פון סטרייקס אין אמעריקא און אין אנדערע לענדער, ספּעציעל ענגלאנד, זעהט מען, אז אין אויסלאנד ווערט א פיעל גרעסערער פּראָצענט פון סטרייקס געענדיגט מיט א טהיילווייזען זיעג פיר דיא ארבייטער וויא אין אמעריקא. ווען מען זאָל אָבער דיזע סטרייקס רעכנען פיר געוואונענע, וועט אויסקומען, אז אין ענגלאנד זיעגען דיא ארבייטער אָפטער ביי סטרייקס וויא אין אמעריקא, און אין פרנקרייך, דייטשלאנד און איטאליען פיעל זעלטענער. טהיילווייזע זיעגען זיי אָבער אנדערסוואו מעהר וויא דאָ, און מיט א פאָלקאָמענע נידערלאגע ענדיגען זיך סטרייקס דאָ בעדייטענד אָפטער וויא אין אנדערע לענדער. וויא דאָס אלעס צו ערקלעהרען, איז נאָך פאָרלויפיג אונמעגליך, עס איז פערבונדען מיט צופיעל פערשיעדענע אומשטענדען. פיר דיא לעצטע עטליכע יאָהר זיינען דיא סטרייקס אין ענגלאנד ניט אזוי ערפאָלגרייך וויא אין דיא פריהערדיגע יאָהרען. וויא דאָ, זיינען אויך דאָרטען דיא סטרייקס פיר העכערע שכירות און קירצערע שטונדען ערפאָלגרייכער פון אלע. דיא סטרייקס אָבער פיר דיא אנערקענונג פון דיא יוניאָן זיינען דאָרטען ערפאָלגרייכער וויא אין אמעריקא.

V

וויא דיא יוניאָנס האלטען איין דיא לוסט פון דיא ארבייטער צו סטרייקען. וועלכע רעגעלן האָבען וועגען דעם דיא פערשידענע יוניאָנס, צענטראליזירטע און ניט צענטראליזירטע קאסעס.

צוויי וויכטיגע פונקטען האָט דיא סטאטיסטיק ארויסגעבראכט. ערשטענס, אז פון אלע סטרייקס געווינען נור עפּעס מעהר וויא א

העלפט, און צוווייטענס, אז ווען דיא ארבייטער זיינען אָרגאניזירט, האָבען זיי פיעל מעהר אויסזיכט צו געווינען זייערע סטרייקס, וויא ווען זיי זיינען ניט אָרגאניזירט. דער שלוס דערפון איז, אז נאָך אלעמען איז א סטרייק א ריזיקאוועגע זאך, וועלכע מען טאָר ניט אזוי לייכט אונטערנעהמען. און איין ערקלערונג פיר וואָס דיא יוניאָנס האָבען א העכערען פּראָצ. פון געוואונענע סטרייקס וויא דיא ניט־אָרגאניזירטע ארבייטער איז דאָס, וואָס דיא יוניאָנס ערלויבען ניט אזוי לייכט דיא ארבייטער ארויסצוגעהן אין סטרייס. כמעט יעדע יוניאָן האָט געוויסע רעגעלן, וועלכע האלטען איין דיא לוסט פון דיא ארבייטער צו סטרייקען. דיא מייסטען רעגעלן זיינען אונגעפעהר פאָלגענדע: איידער מען רופט ארויס א סטרייק צוליעב אירגענד וועלכע קריוודע אין א פאבריק, ערוועהלט פריהער דיא לאָקאלע יוניאָן א קאָמיטע, וועלכע אונטערהאנדעלט מיט דעם בעל הבית צו זעהען, אויב מען קען דיא זאך ניט וויא עס איז שליכטען. אויב דאָס געלינגט ניט, מוזען דיא מיטגליעדער פון דיא ברענטשעס שטימען צו מען זאָל געהן סטרייקען אָדער ניט. דערביי פאָדערן אָפט דיא סטאטוען, אז מען מוז יעדען מיטגליעד פאָראויס אָנזאָגען, אז ביי דיא נעכסטע פערזאמלונג וועט מען אָבשטימען צו מען זאָל אין א געוויסע פאבריק ארויסגעהן אין סטרייק. אָפט פאָדערט זיך, אז דיא אבשטימונג זאָל זיין געהיים, כדי יעדער איינער זאָל קענען געבען זיין מיינונג פריי, און דער בעשלוס צו סטרייקען ווערט נור דאן אָנגענומען ווען צוויידריטעל פון דיא אנוועזענדע האָבען געשטימט דאפיר. אין אייניגע יוניאָנס קען נור דער יעניגער שטימען ביי א פראגע פון א סטרייק, ווער עס איז געווען א מיטגליעד דריי אָדער זעקס מאָנאט. אייניגע נאציאָנאלע יוניאָנס פאָרדערן זאָגאר, אז נור דיאיעניגע ברענטש זאָל מעגען ארויסגעהן אין סטרייק, וועלכע איז געווען פערבונדען מיט דיא נאציאָנאלע אָרגאניזאציאָן אין פערלויף פון 6 מאָנאט. אין דיא שטארקע יוניאָנס קריגט דיא לאָקאלע יוניאָן אויך דאן נאָך קיין רעכט ניט ארויסצורופען א סטרייק, ווען זיא האָט אפילו יע געשטימט דאפיר. א רעפּאָרט פון דיא גאנצע

אנגעלעגענהייט מוז דאן אוועקגעשיקט ווערן צו דיא נאציאָנאַלע בעאמטע. אין דיזען רעפּאָרט מוז מען אָנגעבען דיא אורזאכע פיר וואָס מען וויל סטרייקען, דיא צאָהל ארבייטער, וועלכע וועלען צו־ליעב דעם סטרייק פערלירען דיא ארבייט, דיא צאָהל יוניאָן־לייטע און ניט יוניאָן־לייטע, וואָס ארבייטען אין דיא בעטרעפענדע פאבריק. נאכדעם וויא דיא נאציאָנאַלע בעאמטע האָבען געקראָגען דעם רעפּאָרט, מוז דער פּרעזידענט אליין אָדער זיין פערטרעטער אריבערפאָהרען אין דעם פּלאַץ, וואו דיא שטרייטיגקייט איז פּאָר־געקומען און נאָך א מאָל זעהען וויא עס איז צו שליכטען דיא שטרייט־פראגע. אויב איהם געלינגט עס אויך ניט, דאן מעג דער סטרייק ארויסגערופען ווערן. דערביי איז נאָך אויך א פראגע ביי וועמען בלייבט דיא לעצטע ענטשיידונג. אין אייניגע יוניאָנס האָט דאן דיא עקזעקוטיווע דאָס רעכט דעם סטרייק ארויסצורופען, אין אַנדערע דארפען נאָך ערסט אלע מיטגליעדער פון דיא גאנצע נאציאָנאַלע אָרגאניזאציאָן אָבשטימען צו דער סטרייק זאָל ארויס־גערופען ווערען אָדער ניט.

אין אלגעמיין איז דאָס רעכט פון דיא עקזעקוטיוו־קאָמיטע ארויסצורופען א סטרייק נאָך היינט ניט געלייזט. עס איז זעלבסט־פערשטענדליך, אז אויב דיא גאנצע יוניאָן גיט איהר מאָראַלע און פינאנציעלע אונטערשטיצונג ביי יעדען לאָקאַלען סטרייק, מוז אויך דיא גאנצע יוניאָן און דיא פּערזאָן פון דיא נאציאָנאַל־עקזעקוטיוו־קאָמיטע ענטשיידען צו א סטרייק זאָל ארויסגערופען ווערן אָדער ניט. פון אנדערן זייט ווילען אָבער דיא לאָקאַלע יוניאָנס אויך ניט איבערגעבען דאָס גאנצע רעכט ארויסצורופען סטרייקס צו דיא נאציאָנאַל־עקזעקוטיוו־קאָמיטע, ווייל דיא מיטגליעדער האָבען מורא, אז מען וועט זיי דאן אָפט ארויסרופען אין סטרייקס ניט צוליעב זייערע אייגענע קריוודעס, נור אום צו אונטערשטיצען אַנ־דערע מיטגלידער פון דיא זעלבע נאציאָנאַלע קערפּערשאפט, וועלכע זיינען אין סטרייק; דיא ריכטונג פון דיא מייסטען יוניאָנס איז אָבער אלץ מעהר און מעהר איבערצוגעבען דיא מאכט צו דיא עק־זעקוטיוו־קאָמיטע, וויינינגסטענס אין דעם זין, אז אָהן דיא צושטי־

מונג פון דיא עקזעקוטיוו־קאָמיטע זאָל קיין סטרייק ניט קענען ארויסגערופען ווערן. צודער זעלבער צייט ווערט אָבער אויך בע־שריינקט דאָס רעכט פון דיא עקזעקוטיוו־קאָמיטע אליין אָהן דיא צושטימונג פון דיא מיטגליעדער ארויסצורופען סטרייקס.

מיר האָבען גערעדט פון דאָס רעכט פון דיא עקזעקוטיוו־קאָ־מיטע. דיזע רעכט קען זיא אָבער נור דאַן האָבען אין פולען זין פון וואָרט, ווען זיא האָט הינטער זיך א קאַסע, און ווען אָן איהר העננגט אָב צו מען זאָל צאָהלען דיא מיטגליעדער סטרייק־בענעפיט אָדער ניט. אין פיעלע יוניאָנס, וואו דיא עקזעקוטיוו־קאָמיטע האָט יע פיעלע רעכטע, האָט זיא אָבער ניט קיין פולע קאָנטראָלע איבער דיא קאַסע. דיא ענגלישע מאַשיניסטען־יוניאָן, אָדער וויא זיא רופט זיך „דיא אמאלגאמייטעד סאָסייעטי אָף אינזשינירס" וועלכע האָט שוין א היבשע ביסעל דורגעמאכט אין איהר איבער 50 יעהריגע געשיכטע, האָט דיא פאָלגענדע סיסטעם: ווען א מיטגליעד איז אין סטרייק, קריגט ער 10 שילינג א וואָך ארבייטסלאָזען אונטער־שטיצונג. דאָס קריגט ער פון זיין ברענטש; דערצו נאָך קריגט ער 5 שיילנג א וואָך סטרייק־אונטערשטיצונג פון דיא נאציאָנאלע קאַסע. נו, פאסירט אָפט, אז ווען א געוויסע ברענטש וויל ארויס־רופען א סטרייק, טהוט זיא עס ניט קוקענדיג צו דיא עקזעקוטיוו־קאָמיטע איז דערמיט איינפערשטאנען אָדער ניט. דיא 10 שילינג א וואָך פון דיא ברענטש קריגען די סטרייקערס יעדענפאלס, און פיר דיא איבריגע פינף זאָרגען זיי ניט, אָדער האָפען עס אויפצומאָהנען שפּעטער. ביי דיא אמעריקאנער יוניאָנס איז נאָך דיזער צושטאנד פיעל ערגער, וויייל זעלטען וועלכע יוניאָן האָט א גרויסע קאַסע, און דיא קאָסטען פון א סטרייק, אריינרעכענענדיג אין דעם שוין דיא סטרייק־אונטערשטיצונג, ווערען געדעקט דורך ספּעציעלע שטייערען (אסעסמענטס). עס איז דעריבער קיין וואונדער, אז פיעלע בע־אמטע פון דיא נאציאָנאלע יוניאָנס האלטען זיך אין איין בעקלאָ־גען, אז דיא ברענטשעס רופען ארויס סטרייקס זיך ניט אָנפרעגענ־דיג ביי דיא נאציאָנאל עקזעקוטיוו־קאָמיטע. מען סטראשעט אפילו אָפט אויסצושליסען אזעלכע ברענטשעס, וועלכע רופען ארויס

סטרייקס אויף זייער אייגענע פעראנטוואָרטליכקייט. דיזער סטראַשונאַק ווערט אָבער זעלטען ווען אויסגעפיהרט. וויא מיר האָבען אָבער געזעהען, רופען דיא אָרגאניזירטע ארבייטער דאָך ארויס ווייניגער סטרייקס, וויא דיא ניט־אָרגאניזירטע.

VI

סימפּאטיע־סטרייקס. צוליעב וואָס מען רופט זיי ארויס. וויא זיי העלפען צו פּאראליזירען דיא געשעפטען. אונטער וועלכע אומשטענדען גרויסע סימפּאטיע־סטרייקס קענען זיין ערפאָלגרייך. סימפּאטיע־אונטערשטיצונג שליסט אויס פינאנציעלע אונטערשטיצונג.

בעפאָר מיר ענדיגען אונזער אָבהאנדלונג, וועלען מיר נאָך זאָגען א פּאָר ווערטער וועגען סימפּאטהיע סטרייקס. א סימפּאטיע־סטרייק איז, וויא מיר האָבען שוין געזעהען, אזא סטרייק, ווען ארבייטער געהען ארויס אין סטרייק, ניט ווייל זיי אליין האָבען א קריוודע געגען זייער בעל הבית, נור אום מיט זייער מיט סטרייקען צו העלפען אנדערע ארבייטער, וועלכע האָבען יע א קריוודע געגען זייער בעל הבית. מיר האָבען שוין געזעהען, אז אזעלכע סטרייקס קומען פאָר ניט אָפט, אין גאנצען 3 פּראָצ. אין אמעריקא, און געווינען געווינט מען אויך אזעלכע סטרייקס פיעל פיעל זעלטענער וויא אנדערע סטרייקס. דאָך אָבער קומען אזעלכע סטרייקס אין אייניגע אינדוסטריען פאָר צימליך אָפט, וויא מיר זעהען עס ביי בוי־ארבייטער, וואו 7 פּראָצענט פון אלע סטרייקס זיינען סימפּאטיע־סטרייקס, און אין דיא פאבריקאציאָן פון טאבאק און ציגארען שטייגט דיא פּראָצ. פון אזעלכע סטרייקס זאָגאר ביז 24. פיעלע האלטען פון אזעלכע סטרייקס זעהר פיעל און פיעלע זעהר ווייניג. עס איז דעריבער ווערט צו בעטראכטען וואָס מען קען מיט אזעלכע סטרייקס עררייכען און אונטער וועלכע אומשטענדען דיא אויסזיכטען זיינען גוט.

וואס מען מיינט מיט סימפאטיע סטרייקס צו בעצוועקען, האָ־בען מיר שוין געזעהען. ווען דיא ארבייטער געהען ארויס אין סטרייק געגען א געוויסע פירמע, מיינען זיי נאטירליך צו ברייגגען דיא פירמע צו אזא צושטאנד, אז זיא זאָל ניט קענען פאָרטזעצען איהרע געשעפטען. וואָס מעהר ז'ער געשעפט ווערט פאראלאזירט, אלץ מעהר האָבען דיא סטרייקערס אויסזיכט אויף ערפאָלג. דער געשעפט ווערט לייכטער פון אלעם פאראליזירט, ווען אלע ארביי־טער געהן ארויס אין סטרייק און ווען דיא פירמע קריגט ניט גענוג ארבייטער אום אפילו אויפ'ן קלענסטען מאסשטאב ווייטער פאָרט־צוזעצען דעם געשעפט. דאָס איז אלזאָ דער בעסטער צושטאנד, אין וועלכען א סטרייק קען זיך געפינען. אָבער אויך אין דיזען פאל קען זיך דיא פירמע א מאָל אן עצה געבען .זיא קען נעמליך קריגען דיא הילפע פון אנדערע פירמעס פון דיזעלבע אינדוסטריע.. גאנץ אָפט פאסירט, אז ווען איין פירמע מאכט זיך צו צוליב א סטרייק, קומען איהר אנדערע פירמעס צו־הילף און מאכען פיר איהר דיא ארבייט, וועלכע זיא האָט געהאט צוצושטעלען צו דיא קליענטען (קאָסטומערס). נו, לייגט זיך לייכט אויף'ן שכל, אז ווען דיא סטרייקערס דערוויסען זיך, אז זייער ארבייט ווערט געמאכט אין אנדערע פאבריקען פון אנדערע ארבייטער, זאָלען זיי פון דיזע אר־בייטער פאָדערן זיך ענטוועדער צו ענטזאגען דיזע ארבייט צו טהאָן, אָדער ארויסצוגעהן אין א סימפאטיע־סטרייק.

אפילו אין בעסטען פאל פון דעם ארבייטער'ס שטאנדפונקט קומט א מאָל אלזאָ אויס אויפצופאָדערן אנדערע ארבייטער ארויסצוגעהן אין סימפאטיע־סטרייקס. ווען אָבער עס געלינגט ניט צו פאראליזירען דעם געשעפט, געגען וועמען מען סטרייקט, דאן יאוועט זיך זיכער ביי די סטרייקענדע ארבייטער א פאָרדערונג ארויסצורופען א סימפאטיע־סטרייק. לאָמיר זיך פאָרשטעלען, אז עס ברעכט אויס א סטרייק ביי דיא בוי־ארבייטער, און דעם בעל־הבית געלינגט דאך צו קריגען גענוג ארבייטער פאָרטצוזעצען זיין געשעפט. עס פערשטעהט זיך, אז דאן קענען זיך די ארבייטער העלפען נור דאמיט, וואָס זיי וועלען ארויסרופען א סימפאטיע־

סטרייק פון אלע דיאיעניגע ארבייטער, וועלכע מאכען דיא רויע
מאטעריאל פיר דיא בוי־ארבייטער. ווען דיא ארבייטער פון דיא
ציגעלנעס, פון דיא שטיינברעכעריען, פון דיא צעמענט־פאבריקען
א. ד. ג., וואו דער בעל הבית פון דיא סטרייקערס קויפט אלעס איין,
וועלען זיך ענטזאגען צו מאכען זייערע פראָדוקטען, וועט עס העל־
פען צו פאראליזירען דעם געשעפט פון דעם מייסטער, ביי וועמען
דיא בוי־ארבייטער סטרייקען. א מאָל לוינט זיך ווידער ארויסצו־
רופען א סטרייק ביי דיא ארבייטער, וועלכע דאפרען ערשט ארביי־
טען מיט דיא מאטעריאל פון דיא פירמע, וואו עס איז א סטרייק.
ווען עס זאָל צ. ב. אויסברעכען א סטרייק אין דיא וואָללענס און
טוך פאבריקען, און דיא שניידערס זאָלען זיך ענטזאגען צו אר־
בייטען מיט דיא וואָלענס און טוך וואָס קומט פון דיזע פאבריקען,
וועלען דיא וואָללענס און טוך פאבריקען פערלירען קליענטען
(קאָסטאָמער) און זיי וועלען מוזען נאָכגעבען זייערע ארבייטער.
אזא סימפאטיע־סטרייק איז נאטירליך פיעל ערגער פיר דיא בעלי־
בתים וויא דיא פריהערדיגע, וואָרים ווען דער פאבריקאנט פער־
לירט א קויפער פיר זיינע סחורה, איז עס טאקע פיר איהם א וויכ־
טיגע זאך, ווערענד, ווען ער פערלירט א פערקויפער, ד. ה., א
פירמע ,ביי וועמען ער פלעגט קויפען רויהע מאטעריאל, איז עס ניט
אזא שוויריגקייט; קויפען קען מען אימערצו לייכטער וויא פער־
קויפען, און ווען מען פערלירט איין פלאץ וואו צו קויפען קריגט
מען א נייעם, סיידען עס איז אין גאנצען דאָ נור א גאנץ בע־
שרענקטע צאָהל פון אזעלכע פלעצער, וויא דאָס איז דער פאל מיט
דיא אייזענבאהנען צום ביישפיעל. א פירמע, וועלכע האָט קוילען־
גרובען קויפט צ. ב. ביי דיא אייזענבאהנען א געוויסע דיענסט, נעמ־
ליך דאָס טראנספאָרטירען פון קוילען פון דיא גרובען אין מארק
אריין. אזוי אָבער וויא אייזענבאהנען, וועלכע געהן פון איין פלאץ
אין אנדערן, זיינען דאָ גאנץ ווייניג, איז פיר דיא קוילען־גרובען
פירמע זעהר א וויכטיגע זאך, ווען דיא אייזענבאהן־ארבייטער זאָ־
לען זיך ענטזאגען צו טראנספאָרטירען קוילען, וואָס קומט פון א
פירמע, וואו דיא קוילען־גרעבער סטרייקען. אין דיזען פאל זעהען

מיר, וויא א פירמע ווערט דורך'ן סימפּאטיע סטרייק פּאראליזירט, ווען זיא פערלירט אפילו ניט איהר הויפּט־קליענט (קאָסטאָמער).

אלע ביישפּיעלע, וועלכע מיר האָבען ביז אהער אָנגעגעבען, זיינען אָבער אזעלכע, וואו סימפּאטיע־סטרייקס ווערען ארויסגערופען אין אזעלכע פירמעס, אין וועלכע דיא ערשטע פירמע, ביי וועמען עס האָט אויסגעבראָכען דער ערשטער סטרייק, נויטיגען זיך. א מאָל לוינט זיך אָבער אויך ארויסצורופען א סימפּאטיע סטרייק אין פירמעס, וועלכע האָבען קיינע פערבינדונגען מיט דיא ערשטע פירמע, אָדער וועלכע קאָנקורירען זאָגאר מיט איהר. דאָס ווערט אָבער אם מייסטען געטהאָן נור דאן, ווען מען וויל אריינציהען אין דיא שטרייט־פראגע דאָס פּובליקום, ווען מען האָפט דורך א גרעסערען סטרייק אָדער דורך דעם, וואָס דאָס פּובליקום וועט אָנהויבען צו פיהלען דיא פאָלגע פון דעם גרויסען סטרייק, צו קריגען דיא סימפּאטיע פון פאָלק אין אלגעמיין.

דאָס זיינען דיא נוצען וואָס דיא ארבייטער קענען ציהען פון סימפּאטיע־סטרייקס, ציהען אָבער אזעלכע נוצען איז ניט לייכט. ערשטענס, פערשטעהט זיך, אז ריכטיגע סימפּאטיע־סטרייקס קען מען נור דאן האָבען, ווען מען איז גוט אָרגאניזירט פון אלע זייטען. ווען ניט, געווינט גאנץ אָפט די שוואכע יוניאָן פיעל מעהר פון דיא סימפּאטיע פון דיא שטארקע, וויא פערקערט. דיא בוי־ארבייטער זיינען איבערהויפּט גוט אָרגאניזירט, אָבער ניט אלע זיינען גלייך שטארק. ווען צ. ב. דיא מאלערס (פּיינטערס), וועלכע זיינען ניט אזוי שטארק אָרגאניזירט, זאָלען אין א נייע געביידע ארוים אין סטרייק, וואָלטען זיי אליין זיי אפשר ניט אזוי לייכט געווינען. ווען אָבער ארויסגעהענדיג אין סטרייק, ציהען זיי מיט זיך אין א סימפּאטיע דיא שטארקע אָרגאניזירטע מויערער, שטאָלערס, בלעכער, שלאָסער א. ז. וו. דאן וועלען שוין אויך דיא מאלערס לייכט דעם קאמפּף געווינען. אזא צושטאנד וויא ביי דיא בוי־ארבייטער געפינט מען אָבער זעלטען. דיא בוי־ארבייטער זיינען אלע גוט אָרגאניזירט. דיא פערשיעדענע בעלי־מלאכות ארבייטען אלע צוזאמען אין דיא זעלבע געביידעס, דיא

מייסטערס איילען זיך צו ענדיגען דיא ארבייט, ווייל דער זומער־סעזאָן, ווען מען קען אויפטהאָן דיא מייסטען ארבייט ענדיגט זיך באלד, און ענדליך אויך צוליעב דעם, וואָס דיא מייסטען זיינען מיט א קאָנטראקט פארבונדען צו ענדיגען דיא ארבייט אין א בעשטימטע צייט.

אין אלע אנדערע פעלע, איז אבער ארויסרופען א סימפאטיע־סטרייק ניט אזוי לייכט. זאָלען, צום ביישפיעל, דיא ארבייטער אין דיא פאבריקען וואו מען בויט מאשינען וועלען ארויסרופען א סימפאטיע־סטרייק אין דיא פאבריקען וואו מען מאכט שטאהל און אייזען, ד. ה., דיא מאטעריאל פיר דיא מאשינען־פאבריקען. אין דיא מאשינען פאבריקען גופא זיינען אויך ניט אלע ארבייטער אָר־גאניזירט, און עס איז דעריבער פיר דיא מאשיניסטען־יוניאָן שווער אָנצוהאלטען איהר אייגענעם סטרייק, היינט וויא פיעל שווערער איז עס נאָך אָנצוהאלטען אין קאמפף אן אנדער מאסע פון שוואך־אָרגא־ניזירטע ארבייטער, ווען גענען זייערע אייגענע בעלי־בתים האָבען דיזע אליין גאָר קיין קריוודע ניט. אבער אויסערדעם האָט א סימ־פאטיע־סטרייק זיך צו רעכנען מיט נאָך א גרויסע שוועריגקייט. פרעד האָלל, וועלכער האָט געשריעבען א גאנץ אינטערעסאנטען ביכעל איבער סימפטהיע־סטרייקס, דריקט זיך אוים גאנץ גוט ווען ער זאָגט, אז סימפאטהיע־אונטערשטיצונג שליסט אוים פינאנ־ציעלע אונטערשטיצונג. לאָמיר נעהמען דעם פאל פון דעם לעצטען קוילען־סטרייק אין אמעריקא. קריוודעס האָבען געהאט נור דיא גרעבער פון הארטע קוילען, וועלכע זיינען אָרגאניזירט צוזאמען מיט דיא גרעבער פון ווייכע קוילען אין איין יוניאָן. גלייך ביים אויס־ברעכען פון סטרייק האָט זיך געהאנדעלט וועגען דעם צו זאָל מען דיא ווייכע קוילען־גרעבער ארויסרופען אין א סימפאטהיע־סטרייק לאָמיר זיך שוין פאָרשטעלען אז עס וואָלט געלונגען אָנצוהאלטען די וואסערע 300 טויזענד ווייכע קוילען־גרעבער אין א סימפאטהיע־סטרייק, טראָץ דעם וואָס דיא גאנצע יוניאָן צעהלט ניט מעהר וויא 200 טויזענד מיטגליעדער אונטער דיא הארטע וויא אויך אונטער דיא ווייכע קוילען־גרעבער. דיא יוניאָן האָט אָבער בעשלאָסען ניט

ארויסצורופען דיא גרעבער פון ווייכע קוילען אין סטרייק, ווייל דאן וואָלטען ערשטענס אלע בעדארפט שטיצע, אנשטאט וואָס אזוי האָבען נור דיא גרעבער פון הארטע קוילען געדארפט שטיצע. צווייטענס האָט מען יעצט אויך געקענט אויספיהרען אז דיא ווייכע קוילען־גרעבער וועלכע האָבען געארבייט זאָלען שטיצען דיא וואָס זיינען געשטאנען אין סטרייק. אין דער אמת'ן האָבען טאקי דיא ווייכע קוילען־גרעבער געשטיצט דיא הארטע קוילען־גרעבער מיט צעהן פראָצענט פון זייערע שכירות, און דאָס איז געווען דיא הויפּט־שטיצע וואָס דיא סטרייקער האָבען געהאט. א סימפּאטהיע־סטרייק וואָלט אלזאָ ערשטענס פערגרעסערט דיא צאָהל פּערזאָנען וואָס נויטהיגען זיך אין שטיצע און צווייטענס אָבשניידען דיא קוועלע פון וואנען דיא שטיצע זאָל גענומען ווערען; און אָהן פינאנציעלע שטיצע קען מען קיין גרויסען סטרייק ניט פיהרען.

געבען אן אלגעמיינעם ענטפער אויף וויא ווייט דיא אויסזיכ־טען פון סימפּאטהיע־סטרייקס זיינען גוט איז נאָך דעם אלעמען אונמעגליך. אלעס הייננט אָב אין צייט און אומשטענדען. ביי דיא ארבייטער, וואו עס קומען פאָר קליינע סימפּאטהיע־סטרייקס ווייזען זיי זיך ארויס פיר א צימליך גוטען מיטעל. ביי דיא גרויסע סטרייקס אָבער פאָדערט זיך פיעל טאקט אויסצוגעפינען וואו עס לוינט זיך יע ארויסצורופען א סימפּאטהיע־סטרייק, און וואו ניט. מיר האָבען שוין אָנגעדייטעט, אז דער צוועק פון דיא גרויסע סימ־פּאטהיע־סטרייקס איז צו לאָזען דאָס פּובליקום פיהלען און הערען אז עס געהט אָן א גרויסער סטרייק און צו קריגען איהר אויף דיא זייט פון דיא סטרייקערס. נו, איז טאקי דיא הויפּטזאכע יעדען מאָל צו ענטשיידען אויף וויא ווייט דער סימפּאטהיע־סטרייק וועט פערגרעסערען אָדער פערקלענערען דיא סימפּאטהיע פון פאָלק. אויב דיא ארבייטער, צוליעב וועלכע מען רופט ארויס דעם סימ־פּאטהיע־סטרייק ליידען פון צופיעל עלענד און אונטערדריקונג, דאן וועט דער גרויסער סימפּאטהיע־סטרייק אויפמערקזאם מאכען דאָס גאנצע פאָלק אויף זייער עלענד, און עס וועט זיך אויפהויבען א'ן אלגעמיינע פאָדערונג אז דיא בעלי־בתים זאָלען דעם סטרייק

וואָס גיכער ענדיגען. דאָס זעלבע איז אויך ווען דיא פירמעס געגען וועלכע מען סטרייקט זיינען אונבעליעבט בּון פּאָלק, וויא דיא מייסטע אמעריקאנער טראָסטס. א סימפּאטהיע־סטרייק קען אין דיזען פאל פון דאָס ניי דערמאָנען דאָס פּאָלק אָן דיא געהאסטע קאפּיטאליסטען, און דיא אלגעמיינע סימפּאטהיע פון פּאָלק קען העלפען דיא סטרייקס. עס הענגט אויך פיעל אָב אָן דעם אין וועלכע אינדוסטריע דער סטרייק געהט אָן. ווען דער סטרייק איז אין דיא שטהאָל־אינדוסטריע, און דיא שטאָהל־פאבריקען מאכען זיך צו, פיהלט עס דאָס פּאָלק נור גאנץ אינדירעקט. ווען אבער מען סטרייקט אין דיא קוילען־גרובען, און עס איז קיין קוילען ניטאָ, אָדער אויף דיא אייזענבאהנען און דיא איינוואָהנער פון דיא שטעדט קריגען ניט צוליעב דעם סטרייק זייערע עסענוואַרג, אָדער ענדליך אין דיא גאז־אנשטאלטען און דיא שטאָדט בלייבט אין דער פינסטער, דאן דערפיהלט מען עס באלד, און אויך דאָ דארף מען יעדען מאָל אויפּפּאסען ניט צופיעל אָנצוציהען דיא סטרונע פון דעם פּאָלק׳ס סימפּאטהיע. דער לעצטער קוילען־סטרייק אין אמעריקא קען אונז אין דיזען זין דיענען אלס גלענצענדער בייִשפּיל.

דער סטרייק איז פאָרגעקומען אין זומער, און דיא נויטה אין קוילען האָט זיך געפיהלט אָבער ניט צופיעל. עטוואָס קוילען האָט מען געקראָגען אין לאנד פיר העכערע פּרייזען, אביסעל האָט מען אימפּאָרטירט פון ענגלאנד, דאן האָט מען אויך געברויכט ווייכע קוילען. דער רויך פון ווייכע קוילען איז טאקי געווע זעהר אונאנגענעהם, דיא סימפּאטהיע צו דיא עלענדע און אונטערדריקטע קוליען־גרעבער און דער האס צו דיא מיליאָנערען האָט אָבער דערשטיקט אלע דיזע אונאנגענעהמליכקייטען. ווען אָבער דער סטרייק וואָלט אויסגעבראָכען אין ווינטער, ווען אָהן קוילען קען מען א טאָג ניט אויסקומען, אָדער וואס איז נאָך וויכטיגער פיר אונזער פראגע, ווען דיא ווייכע קוילען־גרעבער וואָלטען אויך מיטגעסטרייקט אויס סימפּאטהיע, איז גרייליך מעגליך, אז דאָס פּאָלק וואָלט אזוי געליטען פון דעם סטרייק, אז דיא אלגעמיינע סימפּאטיע וואָלט אין גאנצען אויסגעלאָשען געוואָרען און מען וואָלט אָנגעהויבען צו

פאָרדערן אז דיא סטרייקערס זאָלען וואָס גיכער נאָכגעבען. דאָס אלעם קען נאטירליך אויך פאסירען ביי יעדען אלגעמיינעם סטרייק, נור ביי א סימפאטהיע־סטרייק איז דאָס אלעם פיעל דעליקאטנער, ווייל דאָ ווערען פערמישט פיעל מעהר פערזאָנען, וועלכע האָבען אליין געגען זייערע אייגענע בעלי־בתים קיינע קריוודעם ניט. גרויסע סימפאטהיע־סטרייקס קענען דעריבער אמאָל זיין ניצליך, עס פאָרדערט זיך אָבער אימער זעהר פיעל טאקט און פערשטענד־נים צו ענטשיידען ביז וועלכען פונקט מען קען דיא סימפאטהיע ציהען, אזוי אז דיא ערשטע סטרייקערס ווען מען וויל מיט דעם סימפאטהיע־סטרייק העלפען זאָלען דערפון ניט האָבען פיעל מעהר שאדען וויא נוטצען.

קאטאלאג
פון דער
אינטערנאַציאָנאַלער ביבליאָטהעק פערלאַג קאָמפּ.

		פרייז.
פיליפּ קראַנץ,	קולטור געשיכטע, 3 בענדער, 1000 זייטען, 100 בילדער, שיין געבונ־דען, פרייז יעדער באנד	75 ס.
" "	דיא געשיכטע פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן, 3 טהיילען אין איין באנד, שיין געבונ־דען	75 "
" "	יציאת מצרים, מיט איין קארטע פון מצרים	15 "
" "	אַריסטאָטעל, זיין ביאָגראפיע	10 "
" "	וואָס הייסט נאַציאָן — זיינען אידען אַ נאַציאָן?	10 "
י. גארדין,	גאָט, מענש און טייוועל, דראמע אין 4 אקטען	25 "
" "	וואָלטער, זיין ביאגראפיע	10 "
דר. קאספּע,	מעכאַניקע, נאך סיר אייזאק ניוטאָן	10 "
" "	אַסטראָנאָמיע " "	15 "
" "	אָנפאַנג פון כעמיע	15 "

פרייז.

מ. באראנאוו, דער מענש און די נאטור........10 "

ל. טאלסטאי, פּאַטריאָטיזמוס און רעגירונג, 05 "

" " דער איינציגער מיטעל...........05 "

ביידע בראָשורען איבערזעצט פון מ. ק א ט ץ.

מאקסים גארקי, ערציילונגען, איבערזעצט פון ח. אלעקסאנדראָוו........................15 "

ח. אלעקסאנדראוו, טאָלסטאָי, זיין ביאָגראפיע 10 "

ב. פייגענבוים, רמב״ם, זיין ביאָגראפיע..............10 "

מ. וויערניק, רב סעדיה גאון, זיין ביאָגראפיע...10 "

מ. פרומקין, ר׳ ישראל בעל שם טוב, זיין ביאָגראפיע...........................10 "

מאררים ראזענפעלד, געזאַמעלטע ליעדער פון מאָררים ראָזענפעלד, 337 זייטען, אילוס-טרירט, שעהן געבונדען, פרייז............. $1.00

צו בעקומען ביי:

International Library Pub. Co.,
23 Duane Street, New York, N. Y.

PUBLIC LIBRARY
MONTREAL

ALLIED PRINTING TRADES UNION LABEL COUNCIL NEW YORK CITY 20